STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01269

HOTSMAKH-SHPIL

Itzik Manger

Permanent preservation of this book was made possible by
Jack & Gladys Leopold
in memory of Saul O. Leopold (arrived in U.S. in 1908, age 10)
He was then known as Zelig Lepovetsky in Springfield, MA

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

איציק מאנגער

האצמאך-שפיל

געדרוקט ביי די ברידער נאַראָדיצקי, 129־131 קאוועל סטריט, לאָנדאָן, א.

איציק מאנגער

האצמאַך־שפּיל

א גאלדפאדן־מאטיוו אין 3 אקטן

פארלאַג „אליינעניו" לאנדאן —
יאָהאַניסבורג 1947

HOTSMACH PLAY

Comedy in Three Acts
and Fourteen Tableaux

by

ITZIK MANGER

COPYRIGHT BY ITZIK MANGER, LONDON

Performing Rights of this play is held
by the author Itzik Manger, London

Printed in Great Britain by The Narod Press, London

דעם אנדענק פון מיין טאטן

הלל בר׳ אברהם מאנגער

געבוירן 1879 אין סטאַפּטשעט (גאַליציע), אומגעקומען דעם 30־טן נאָוועמבער 1942 אין מוראַפאַ קאָנצענטראַציע־לאַגער, טראַנס־ניסטריע

דאָס דאָזיקע בוך איז אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון דעם יידישן
קולטור־טוער אין יאָהאַניסבורג (דרום-אַפריקע) **יונה גלאזער**

פּירוואָרט

מײַנע קינדער־יאָרן זענען געווען פול מיט „טעאַטער״.

די צוויי שניידער־געזעלן וואָס האָבן געאַרבעט ביי מײַן טאַטן, האָבן דערציילט כסדר וועגן דעם וואָס זיי האָבן געזען ביי אַקסלראָדן אין טעאַטער. זיי האָבן איבערגעזונגען די „לידלעך״ וואָס זיי האָבן דאָרט געהערט; געלויבט די פּרימאַדאָנע, דעם קאָמיקער און די סובּרעטע. איך האָב געשלונגען אַ יעדעס וואָרט.

אַפילו דער לערניונג, אַ ברעזעווער דאָרף-בחור, האָט אַמוזירט די אַרבעטאָרער, ווען מײַן טאַטע איז נישט געווען אין דער היים, מיט שפּילן „טעאַטער״.

זײַן ראָלע איז געווען זייער אַ פּשוטע און האָט זיך כסדר איבערגעחזרט: ער האָט זיך אויפגעשטעלט אויף אַ בענקל, די נאָסע פּרעסעוואַטשקע אַרומגעוויקלט אַרום האַלדז און געזונגען דאָס עסטרייכישע קאַיזערליד אויף אוקראַיניש. מאַכנדיק דאַביי אַזעלכע גרימאַסן, אַז אַלע אָנוועזנדיקע האָבן זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער.

„נאַ שפּאַנצוסאַ ציסאַ רעדאַ״.

מײַן טאַטע פלעגט אַמוזירן דעם עולם אויף היימישע שמחות מיט זינגען „שטעגרייף״ פריינטלעכע פּאַראַדיעס אויף די אָנוועזנדיקע, נאָכשפּילנדיק דאַביי אַ יעדנס אויפן רעדן. די דאָזיקע פריינטלעכע אימיטאַציעס האָט דער עולם תמיד אויפגענומען מיט אַ פריינטלעכער „רעצענזיע״.

„אַן אמת׳ער קאָמעדיאַנט!״ „אַפילו אין טעאַטער האָב איך זיך נישט אַזוי אָנגעלאַכט״.

דאָס לעצטע מאָל האָב איך געזען דעם דאָזיקן „קעסטליכן וויצלער און פירטרעפלעכן שניידער־מייסטער״ אָפּשפּילן זײַן „ווידוי״, ביי די „חסידים״ אין ווינקעלער — אָרט: טשערנאָוויץ. דאָס פּובליקום: זײַנע דריי קינדער און זײַנע נאָענטע פריינט, אַלע שניידער־מייסטערס.

דאָס יאָר 1935:

ער איז געשטאַנען אויפן טיש, מיט אַ גלאָז ווײַן אין דער האַנט און געזונגען מיט אַן אייגענעם ניגון, מיט אימפּראָוויזירטע גראַמען, וועגן זײַן אייגן לעבן.

דאָס איז געווען די טראַגישסטע ראָלע וואָס ער האָט פאַרפאַסט און אָפּגעשפּילט. דער וויציקער טאָן, די קאָמישע זשעסטיקולאַציעס וואָס ער האָט געמאַכט דאַביי, האָבן צוגעגעבן מער קאָליר דעם „הבל הבלים״ רעפריין פון זײַן קאָמפּאָזיציע.

דער עפּילאָג: איבער זײַן קבר אין טראַנס־ניסטריע, מעדיטירט דער איינציק געבליבענער זון ווי להבדל האַמלעט:

„וואָס איז יידיש לעבן?״ — הפקר!

„וואָס איז יידיש שטאַרבן? — הפקר!

יידישער חלום, יידישער געניוס? — הפקר, הפקר!

און וואו ליגט דער זין פון דעם דאַזיקן הפקר?

איך האָב געמאַכט די דאָזיקע קליינע דיגרעסיע, ווייל מיין „האַצמאַך־שפּיל" איז געווידמעט דעם אָנדענק פון זיין שווער אָפּגעהאַרעוועט לעבן, זיין שפּילעוודיק געמיט און זיין טרויעריקן טויט.

מיינע קינדער־יאָרן זענען געווען פול מיט טעאַטער.

אין אברהם אקסלראָדס „יידיש־דויטשן" טעאַטער בין איך געווען אַ היי־מישער. איך האָב געטראָגן און צונויפגעשטעלט די בענקלעך, געטאַסקעט דעם רעקוויזיט פון די אַקטיאָרן, פאַר דער פּריווילעגיע אַז מען זאָל מיך לאָזן שטיין הינטער די קוליסן בעת'ן שפּילן.

איך בין געשטאַנען מיט אַ פּיעסע אין דער האַנט. (יעדעס מאָל מיט דער פּיעסע וואָס מען האָט געשפּילט) און „קאָנטראָלירט" צי מען שפּילט ריכטיק ווי ס'שטייט געשריבן אין טעקסט.

אין יענע פריע קינדער־יאָרן האָב איך אין זיך אַריין געאָטעמט די הינטער־קוליסן־אַטמאָספערע פונעם יידישן טעאַטער. יעדע ראָלע, יעדער רעקוויזיט איז מיר געווען באַקאַנט. דער קאַמף פאַר „ראָלן" צווישן די אַקטיאָרן האָט מיך פאַראינטריגירט. ס'איז געווען אַ קאַמף פאַר „עפעקטן" און במילא פאַר „ביסן".

איך האָב אין אָט די פריע קינדער־יאָרן געלערנט דורך דערפאַרונג אָפּ-צושאַצן דעם „טעאַטראַלן עפעקט". די יידישע בינע איז געוואָרן מיין „גימנאַ־זיע", אַ גוטע גימנאַזיע פאַר איינעם וואָס איז פאַרליבט ביז איבער די אויערן אין טעאַטער.

(אין דער קאַיזער־קעניגליכער דריטער שטאַטס־גימנאַזיע האָט מען מיך געקרוינט דאָס ערשטע מאָל מיטן טיטל „דיכטער" פאַרן פאַרוואַנדלען געטע'ס באַלאַדע „דער געטרויע עקאַרט" אין אַ סצענישער פאָרם).

טעאַטער, טעאַטער. אַ רעפרין, אַ לייטמאָטיוו וואָס האָט מיך נישט אָפּגע־לאָזט אויף קיין איין רגע. די „זבארזשעריאַדע", די „גאָלדפאַדיניאַדע", גע־דרוקט אין מיין ערשט בוך „שטערן אויפן דאַך" (1929), דער דיאַ־לאָג פון שטאַרבנדיקן גאָלדפאַדן מיטן מלאך המות אין מיינע „נאָענטע גע־שטאַלטן", די אומצאָליקע אַרבעטן פאַר דער יידישער קליינקונסט־בינע אין פוילן, און דערנאָך... די מגילה־לידער, זאָגן דאַרויף עדות.

שרייבנדיק די „מגילה־לידער" האָב איך דערפילט שאַרף און קלאָר אַז די ליריש־עפּישע פאָרם, איז נישט די ריכטיקע. די ליבע פון דעם שניידער־געזעלן פאַסטריגסאַ צו אסתר המלכה איז אַ פאַרטיקע טראַגי־קאָמעדיע. איך האָב שוין אַפילו גענומען טראַכטן וועגן איבערפורעמען דעם מאַטעריאַל, געבן אים די אַדעקוואַטע דראַמאַטישע פאָרם. דאָס טעאַטער רופט, האָב איך מיר אַליין געזאָגט. רופט עס טאַקע?

דאָס ניי־געשאַפענע יידישע טעאַטער אין וואַרשע א. נ. „טעאַטער פאַר יוגנט" האָט מיר געגעבן די אויפגאַבע צו באַאַרבעטן גאָלדפאַדנס „קאָלדוניאַ", פון דער דאַזיקער באַאַרבעטונג איז אַרויסגעוואַקסן מיין „האַצמאַך־שפּיל".

יעדער געניטער טעאַטראַל וואָס וועט פאַרגלייכן גאָלדפאַדנס טעקסט מיט מיינעם וועט קענען אָפּשאַצן די אַרבעט. דעם סתם לעזער בין איך שולדיק אַן אויפקלערונג.

די אַקציע, די כאַראַקטערן אַפילו ווען זיי טראָגן די גאָלדפאַדענישע נעמען זענען מיינע. די באבע יאכנע, דער ערשטער האצמאַך, אליקוס זענען אינגאַנצן אַנדערש ווי ביי גאָלדפאַדענען. די אַנדערשקייט איז מיין ווערק. די דריי טעכ־טער פון האצמאכ׳ן, די אַנדערע צוויי האצמאַכ׳ס זענען אינגאַנצן נייע פאַר־שוינען, דאָס אייגענע איז מיטן טויטן ווייב, די דריי פריקאזשטשיקעס, לייע דעם ציגיינער א. א. וו.

די סצענע וואו די שטיפמאַמע שיקט מירעלע אין מאַרק אַריין און די מאַרק־סצענע זענען גאלדפאַדן ווי ער שטייט און גייט. די אַנדערע בילדער זענען מיינע. דאָ און דאָרט נעם איך אַריין אַ גאָלדפאַדעניש ליד אין מיינער אַ סצענע. אָט למשל דאָס ליד „האצמאַך איז אַ בלינדער". אין ערשטן אַקט, אָבער דאָס שפּילן זיך אין „בלינדעניש" מיט די אייגענע טעכטער כדי צו פאַרשפּילן זייערע טענות, פאַרטיפט ענדערט אינגאַנצן דעם אַספּעקט פון דעם דאָזיקן ליד.

אין דריטן אַקט וואו ס׳איז כמעט גאָרנישט דאָ פון גאָלדפאַדן האָב איך אַריינגענומען ווי אַ זכר האצמאַכ׳ס ליד אין קאַפּע־הויז „קויפט קויפט דייטשעלעך".

די „באַאַרבעטונג" איז געוואָרן אַן אייגן ווערק, אַ צויבער־מעשה׳לע פאַר גרויס און קליין. האָצמאַך האָט באַקומען אַן עול, אַ היים, אַ געוויסן און אַ חלום. דער פּאַיאַץ האָט באַקומען פליגל. די „באבע יאכנע" — די שווינדלער־קע איז געוואָרן אַן עלעמענטאַר־גייסט. איר כישוף־ניגן אינספּירירט די גאַנצע אַקציע. אַ שאָטנשפּיל אויף דער טעמע „ווירקלעכקייט"; אַ חלום־שפּיל אויף דער טעמע : „גליק".

„ס׳איז אַ מעשה׳לע אַ שיינס, אי טרויעריק, אי פריילעך. שענער נאָך פונעם מעשה׳לע וועגן רויטן מלך", זאָגט חנה׳לע, שטייענדיק פאַרן כישוף־שפּיגל, צו איר חבר׳טע מירעלע.

דאָס דאָזיקע בינע־מעשה׳לע האָט געגעבן אַ סך פרייד דעם יידישן טעאַ־טער עולם אין פוילן, און איך האָב געפונען דעם וועג צום יידישן טעאַטער.
געפונען, און אים פאַרלוירן. ווער ווייסט צו נישט אויף תמיד!

מיטן אונטערגאַנג פונעם אייראָפּייאישן יידנטום איז אויך געוואָרן פאַר־זיגלט דער יידישער טעאַטער־קוואַל.

דאָס יידישע טעאַטער אין אַמעריקע גוססט צווישן דעם אינסצעניזירטן ראָמאַן און דעם ביליגסטן שונד. מיט אַ יעדן טאָג ווערט עס איינגעשרופּענער באַדייטונגלאָזער.

איין טעאַטראַל, אברהם גאַלדפאַדן, האָט מיט איין אַקטיאָר (זיין „טרופּ") געשאַפן דאָס יידישע טעאַטער און אומצאָליקע הענט זענען ביי דער אַרבעט עס צו צעשטערן.

דאָס יידישע טעאַטער אין אייראָפּע איז דערמאָרדעט געוואָרן אינאיינעם מיט דעם פּובליקום. דאָס יידישע טעאַטער אין אַמעריקע באַגייט „האַראַקירי״.

ווי האָט מיר געענטפערט די יידישע טעלעגראַפן־אַגענטור אויף מיין פאָרשלאַג אַז זיי זאָלן צירקולירן לכבוד דעם 70 יאָריקן יובל פונעם יידישן טעאַטער מיינעם אַן עסיי וועגן גאָלדפאַדן און זיין ווערק:

„זאָגט מאַנגערן אַז מיר האַנדלען נישט היינט צו טאָג מיט אַזעלכע נאַ-רישקייטן״.

אַ כאַראַקטעריסטישער ענטפער פונעם יידישן ניו־יאָרק. אַ כאַראַקטע־ריסטישע איינשטעלונג צו דער יידישער פאָלקס־בינע וואָס איז במילא די יידיש־נאַציאָנאַלע בינע.

די אינספּירירטע מוזע פונעם יידישן טעאַטער שטייט געבויגן איבער גאָלדפאַדנס קבר אויף איינעם פון די סעמעטריס אין ניו־יאָרק, זי וואַרפט אַ בליק אויף איר גאָלדן האַנט־זייגערל — אַ מתנה פון זעליג מאָגולעסקו, גאָלד־פאַדנס גרעסטן אַקטיאָר — און מורמלט פאַרביטערט:

— דריי־פערטל צוועלף; נאָך אַ פערטל שעה און „פיניטאַ לאַ קאָמע-דיאַ!!״

די יידישע ליטעראַטור האָט דאָרט פאַרלוירן איר עכא. די יידישע בינע האַלט עס ביים פאַרלירן. אַ טראַגישער צושטאַנד. אַ סך, אַ סך טראַגישער ווי פעטער שלעמיל׳ס פאַרלירן דעם אייגענעם שאָטן.

אויפן פיעדעסטאל פאַרן יידישן טעאַטער שטייט נישט מער „שולמית״ נאָר אַ מין זשאַרגאָנישע „פּאָמפּאַדור״, זי וואַרפט מיט די פיס, דרייט מיטן הינטן, פינטלט מיטן דעקאָלטע. זי שפּילט יידיש טעאַטער און חלומט וועגן האָליוואוד, און איז כמעט זיכער מיט אַ נעקראָלאָג פון זעקס „קאָלומס״ אין דער יידישער ענציקלאָפּעדיע אויף ענגליש.

אָט אַזוי זעט אויס דאָס יידישע טעאַטער היינט צו טאָג, ווען איך דרוק מיין „האָצמאַך־שפּיל״, מיין ערשטע אַרבעט פאַר דער יידישער בינע.

איך האָב אַמאָל געטראַכט איבערצואַרבעטן די קאָמעדיע נאָכאַמאָל, אָבער צו וואָס? סיי־ווי־סיי זענען גאַנצע שטיקער פון מיין „האָצמאַך־שפּיל״ אָפּגע־שפּילט געוואָרן דורך אַ טעאַטער־פּיראַט אין אַמעריקע און אַרגענטינע, קאָמ-פּילירט מיט רעוויו־טעקסטן א. נ. „אַ גאָלדפאַדן־חלום״...

איך פאַרמאַך אויף אַ רגע די אויגן און זע: די אַקטיאָרן וואָס האָבן גע־שפּילט, דאָס פּובליקום וואָס האָט זיך דאַביי אַמוזירט אין פּוילן, לעטלאַנד און ליטע. וואו זענען דאָס רוב פון די אַקטיאָרן? וואו איז דאָס פּובליקום?

און וואו איז דאָס יידישע טעאַטער? און וואו — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

פאָרהאַנג!!

איציק מאנגער

פארשוינען

חנה׳לע
מירעלע . . . . צוויי מיידלעך

באבע יאכנע . . . . . . אַן אמת׳ע כישוף־מאַכערן

דריי כישוף-מיידלעך
אליקום . . . . אַ שד

האצמאך
זיינע דריי טעכטער
צווייטער האצמאך
דריטער האצמאך
מירעלע . . . . . . ר׳ אברהמ׳ציעס טאָכטער

ר׳ אברהמ׳ציע
דריי פריקאזשטשיקעס
לייע דער ציגיינער
ביילע . . . . . . דעם ערשטן האָצמאַכ׳ס טויט ווייב

בתיה . . . . מירעלע׳ס שטיפמאַמע

א פאנפעוואטער ייד
א מיידעלע
א בעל־עגלה

יידן און יידענעס אויפ׳ן מאַרק, אַ שאַלטיקל, טערקן, קעלנערס א. א.

דער שניידער־מייסטער — הלל מאַנגער ז״ל

ערשטער אקט

ערשט בילד — פאַרן כּישוף־שפּיגל.

(די מוזיק שפּילט. צוויי מיידלעך קומען אַריין.)

חנהלע: אַט דאָ איז עס, מירעלע, דו זעסט?

מירעלע: וואָס, וואָס, חנהלע?

חנהלע: דאָרט, דעם כּישוף־שפּיגל, דאָרט!

מירעלע: חנהלע, כ'האָב מורא. לאָמיר אַוועקגיין פון דאַנען.

חנהלע: מורא? פאַרוואָס האָסטו מורא, נאַרעלע?

מירעלע: פאַר דער באָבע יאַכנע, דער כּישוף־מאַכערין, האָב איך מורא. אַט קאָן זי קומען צו גיין און אונז פאַרכּישופן.

חנהלע: אַט דאָס הייסט אַ נאַרעלע, אַט דאָס הייסט אַ נאַרעלע. אַזוינס נישט געזען קיין צווייטס.

מירעלע: פאַרוואָס בין איך אַ נאַרעלע?

חנהלע: דערפאַר.... דו ווייסט דאָך, אַז „דערפאַר" גראַמט זיך תּמיד מיט „נאַר".

מירעלע: און דו, די לאַכסט גאָר, האָסט גאָר קיין מורא נישט?

חנהלע: מורא? ניין!

מירעלע: פאַרוואָס האָסטו קיין מורא נישט? די באָבע יאַכנע וועט באַלד קומען עפּעס זאָגן, עפּעס ברומען, און דו וועסט פאַרכּישופט ווערן, ס'וועלן נישט העלפן דיינע טרערן. פאָלג מיך, חנהלע, און קום! לאָמיר אַנטלויפן!

חנהלע: איך האָב קיין מורא נישט!!!

מירעלע: קום, זאָג איך דיר, דערנאָך וועט זיין צו שפּעט.

חנהלע: זעט נאָר, זעט, ווי זי ציטערט, ווי זי פלאַטערט. די באָבע יאַכנע איז אַוועק פאַר הונדערט יאָר מיט זיבן טעג אין אַ ווייטן, פרעמדן לאַנד, וואָס איז קיינעם נישט באַקאַנט. איצט פאַרשטייסטו?

מירעלע: איך פאַרשטיי שוין....נו, און ער, דער כישוף־שפּיגל?

חנהלע: דער כישוף־שפּיגל איז געבליבן, כדי די קינדער זאָלן זען, וואָס ס'איז אמאָל געשען — מיט מירעלע דער יתומה.

מירעלע: וואָס רעדסטו, חנהלע, מיט מיר? וואָס איז דאָס געשען מיט מיר?

חנהלע: מיין מאַמע זאָגט, אַז פון אַ נאַר האָט מען אייביק — צער. דו האָסט דאָך טאַטע־מאַמע און ביסט נישט קיין יתומהלע.

מירעלע: מיט וועלכער מירעלע זשע דען? זאָג, דערציי̈ל מיר וואָס און ווען!

חנהלע: מיט אַ צווייטער מירעלע.

מירעלע: מיט אַ צווייטער?

חנהלע: ס'איז אַ מעשהלע אַ שיינס. אי טרויעריק אי פריילעך, שענער נאָך פון מעשהלע וועגן רויטן מלך.

מירעלע: שענער נאָך? איך וויל עס הערן!

חנהלע: וואַרט אַ רגע, איך וועל זען צי עס שיינט דער אָוונט־שטערן.

(ביידע קינדער קוקן אַרויף צום הימל)

מירעלע: יאָ, ער שיינט, אָט דאָרט....אָט דאָרט....

חנהלע: אויב אַזוי, איז גוט. הער צו! דו בלייב שטיין אויף יענעם אָרט און איך וועל דאָ שטיין.

מירעלע: וואָס וועט זיין?

חנהלע: מיר וועלן ביידע זיך פאַרנייגן פאַרן כישוף־שפּיגל און דעם כישוף־שפּיגל פרעגן: זאָג, צי ווילסטו אונז באַווייזן די אַלטע זנאַכערין, די באָבע יאַכנע, די כישוף־מאַכערין?

מירעלע: און אַז ער וועט נישט וועלן?

חנהלע: וועלן מיר זאָגן אַזאַ שפּרוך, וועט ער מוזן וועלן.

מירעלע: לאָמיר זאָגן שוין דעם שפּרוך, ס'איז אַ שאָד צו וואַרטן.

חנהלע: גוט, דריי זיך אוים צום שפּיגל דאָרט און זאָג מיט מיר וואָרט ביי וואָרט:

(זיי דרייען זיך אוים צום שפּיגל און זאָגן דעם שפּרוך)

בײדע: כישוף־שפּיגל,
כישוף אױס, —
באָבע יאַכנע,
קום אַרױס!
מיר, די קינדער,
װילן זען,
װאָס סע איז
אַמאָל געשען.
טרײ, רײ, רײ,
אײנס, צװײ דרײ!

(דער שפּיגל צענעמט זיך. מוזיק. די קינדער באַהאַלטן זיך הינטער די קוליסן.)

צװײט בילד — (בײ דער כישוף־מאַכערין. די דרײ כישוף־מײדלעך טאַנצן אַרום אַ קעסל און זינגען. אַקאָמפּאַנירט בײ דער מוזיק פֿון גאָלדפֿאַדנס ליד: „גיכער, גיכער, װי אַ װיכער״.)

די כישוף־מײדלעך:

ערשטע: אַ שװערע אַרבעט, אָט דאָס כישופֿן. װיפֿל די באָבע יאַכנע קען דאַכט זיך מיר, אַז מיר װעלן שױן קײנמאָל נישט קענען.

צװײטע: די באָבע יאַכנע — אַ שײנער פֿאַרגלײַך. אװדאי קען זי מער פֿון אונז. זי איז שױן אַלט, זאָגט מען, איבער הונדערט יאָר, אַ סך כישוף האָט זי שױן אָפּגעטון.

דריטע: מען זאָגט אַפֿילו, אַז זי האָט פֿאַרכישופֿט דעם אַלטן כראַביע, אים פֿאַרװאַנדלט אין אַ שטײן. און אָט אַזױ שטײט ער שױן, װי אַ שטײנערן בילד, אַריבער פֿופֿציק יאָר.

ערשטע: איך װײס אַפֿילו, פֿאַרװאָס זי האָט אים פֿאַרכישופֿט.

צװײטע און
דריטע: דערצײל, דערצײל, מיר װילן װיסן.

ערשטע: הערט אַ שײנס: אַמאָל איז די באָבע יאַכנע אין הױף. װאָס זי האָט דאָרטן געזוכט, װײסט מען נישט. די באָבע יאַכנע, װײסט איר דאָך, האָט ליב אומעטום אַרײַנצושטעקן די נאָז. דער כראַביע איז געװען אַ בײזער, אַ כעסן. געזען אַן אַלטע מכשפה בײ אים אין הױף, האָט ער אָנגערײצט אױף איר זײַנע הינט. גרױסע, בײזע הינט....

בײדע: נו, נו?

ערשטע: נאָר נישט געאײַלט זיך. איר וועט אַלצדינג געוואָר ווערן. די באָבע יאַכנע, ווי איר ווייסט, איז נישט קיין שרעקעוודיקע. קוים האָבן די הינט זיך אַ לאָז געטון צו איר, האָט זי געזאָגט אַ שפּרוך און תּיכּף איז דער כראַביע פאַרשטיינערט געוואָרן, צוזאַמען מיט זײַנע הינט.

אַלע: (לאַכן) כאַ, כאַ, כאַ! אָט אַ כּישוף־מאַכערין, די באָבע יאַכנע!

ערשטע: זי קען אַזויפיל שפּרוכן, אַז די האָר שטעלן זיך אַזש קאַפּויר!

צווייטע: און אונז האָט זי קוים, קוים עפּעס אויסגעלערנט.

ערשטע: אַז זי איז גוט אויפגעלייגט, לערנט זי אונז עפּעס. קוים איז זי אָבער צעטראָגן, שווייגט זי ווי די וואַנט. פרעגט מען זי, ווערט זי אין כּעס, שרייט, זידלט, שעלט....אָט אַ מכשפה!

דריטע: לעצטנס איז זי כּסדר אין כּעס. זי רעדט צו זיך אַליין. איך קען זי שוין. זי טראַכט עפּעס וועגן אַ נייעם כּישוף.
(מען הערט טריט פון דער באָבע יאַכנע. זי הוסט, וואָרטשעט)

אַלע: די באָבע יאַכנע גייט, שנעל צו דער אַרבעט!
(זיי זעצן זיך אַלע אַרום קעסל און זינגען „גיכער, גיכער, ווי אַ ווייכער“.)

באָבע י.: ס'איז קיינער נישט געווען דאָ, קינדער?

אַלע: קיינער נישט, באָבע יאַכנע.

באָבע י.: אַלע טירן און פענסטער זענען פאַרמאַכט, קינדער, פאַרהאַנגען?

אַלע: יאָ, באָבע יאַכנע, פאַרמאַכט, פאַרהאַנגען.

באָבע י.: גוט, גוט! איצט — הייצט אונטער דעם קעסל. מיר וועלן אָפּטון אַ גרויסן כּישוף.

ערשטע: וועמען, באָבעניו?

באָבע י.: איר געדענקט, מיידלעך, מיט יאָרן צוריק, אין אַ ווינטער בײַנאַכט, האָט אָנגעקלאַפּט אַ מענטש אין אונזער טיר....

צווייטע: איך געדענק. אַ הויכער, מיט אַ שוואַרצער באָרד.

דריטע: די קליידער צעריסן, צעשליסן.

ערשטע: פון די שיך האָבן אַרויסגעקוקט די פינגער.

באבע י.: ריכטיק. אַט דער אָרעמאַן האָט ביי מיר געבעטן הילף. כ'האָב אויף אים רחמנות געהאַט.

ערשטע: איר זענט אַזאַ גוטע, באָבע יאַכנע.

צווייטע: אַזאַ וווילע.

דריטע: אַ טייערע נשמה.

באבע י.: האָב איך אויף אים רחמנות געהאַט און אים אויסגעלערנט אַ כישוף־ניגון. דורך דעם ניגון, האָב איך אים געזאָגט, וועסטו געהאָלפן ווערן, דו וועסט ווערן רייך. דער רייכסטער אין שטאָט. נאָר געדענק, האָב איך אים געזאָגט, דעם ניגון טאָרסטו קיינעם נישט אויסלערנען.

ערשטע: נו, נו, באָבעשי, ער האָט צוגעזאָגט?

באבע י.: צוגעזאָגט האָט ער, נאָר קיין וואָרט האָט ער נישט געהאַלטן. ער איז דורך דעם ניגון געוואָרן רייך, נאָר קיין וואָרט האָט ער נישט געהאַלטן.

צווייטע: וואָס האָט ער געטון, באָבעניו?

באָבע י.: (שאָקלט מיטן קאָפּ) דער אָרימאַן אוורעמל האָט צוגעזאָגט צו היטן דעם ניגון, אָבער דער גביר, ר' אוורעמציע, האָט קיין וואָרט נישט געהאַלטן און אויסגעלערנט דעם ניגון זיין טאָכטער מירעלע.

אַלע: אָר־וואַ! אָר־וואַ! אָר־וואַ!

באָבע י.: איצט וועל איך אים אָפּטון אַ כישוף. ער וועט צוריק ווערן אַ בעטלער מיטן שטעקן אין דער האַנט און מיט דער טאָרבע אויף דער פּלייצע. אַזוי וועט ער אַרומוואָגלען פון שטאָט צו שטאָט און פון לאַנד צו לאַנד.

מיידלעך: נו, און מירעלע, זיין טאָכטער?

באָבע י.: מירעלע נישקשה, מירעלע וועט אויך נישט לעקן קיין האָניק. זי האָט אַ שטיפמאַמע און די באָבע יאַכנע לעבט נאָך אויך.

ערשטע: די באָבע יאַכנע וועט מירעלען אויך פאַרכישופן?

באָבע י.: פאַרכישופן קאָן איך זי נישט, ווייל זי האָט אַנטקעגן מיר גאָרנישט געזינדיקט. דעם כישוף־ניגון האָט זי געהערט פונעם פאָטער. אָבער גלאַט וועט עס איר נישט אָפּגיין. פאַרלאָזט אייך אויף דער באָבע יאַכנע....

(די באָבע יאַכנע גייט צו צום קעסל. די מיידלעך שטעלן זיך הינטער איר. די בינע ווערט באַלויכטן מיט פאַרשידנפאַרביק ליכט. באָבע יאַכנע זאָגט איר כישוף־שפּרוך:)

פליט אַ שוואַרצע סאָווע,
פליט אַנטקעגן נאַכט.
זאָג דו שוואַרצע סאָווע,
וואָס האָסטו געבראַכט
דער אַלטער באָבע יאַכנע?

מיידלעך: אוי, אַ כישוף,
ברענג, דו סאָווע,
ברענג פאַר איר,
אַז ס'זאָל אַן אַלטער בעטלער
בעטלען גיין פון טיר צו טיר,
בעטלען גיין פון טיר צו טיר.

באָבע י.: אַט אַן עושר....אַט אַ בעטלער,
ווייל ער האָט מיך אָפּגענאַרט!
שלאָפן זאָל ער נאָר אויף שטיינער, —
אוי, די שטיינער זענען האַרט,
אוי, די שטיינער זענען האַרט....

מיידלעך: וואָגלען זאָל ער, ווי אַ בעטלער —
ווייל ער האָט זי אָפּגענאַרט!

(מען זעט ר' אוראַמציען, אָנגעטון ווי אַ בעטלער, אַ טאָרבע אויפן אַקסל, אַ שטעקן אין האַנט.)

ר' אור.: אַ שיינער חלום האָט זיך מיר געחלומט, איצט האָב איך אַלצדינג פאַרגעסן. איך געדענק נאָר, אַז אין חלום בין איך געווען רייך. געהאַט אַ טעכטערל ווי האָט זי געהייסן? (ער קלאַפּט זיך אין שטערן) פאַרגעסן, אינגאַנצן פאַרגעסן.... (ער זינגט דעם כישוף־ניגון און גייט אָפּ.)

באָבע י.: (לאַכנדיק) אַט אַ בעטלער, אַט אַ בעטלער,
מיטן שטעקן אין דער האַנט....
העי, אַליקום שד, ווו ביסטו?

אַליקום: (שפּרינגט אַרויס)
אַליקום הייס איך,
אַלצדינג ווייס איך,
אַלצדינג האָב איך אויף דער האַנט;
אַ שפּרונג אַהין,
אַ שפּרונג אַהער —

אַלצדינג ווייס איך
וואָס און ווער,
וואָס סע טוט זיך איבערן לאַנד.

באַבע י.: (צו די מיידלעך) מיידלעך, גייט אייך, איצט דאַרף איך אייך שוין מער נישט האָבן (די מיידלעך גייען זינגענדיק אָפּ).
(צו אליקומען) אליקום, הער, איך דאַרף דיך געניויטיק האָבן. אויב איך וועל אַ רוף טון, זאָלסטו תיכּף זיין גרייט!

אליקום: תמיד גרייט, באַבע יאַכנע. אליקום הייס איך, אַלצדינג ווייס איך....

באַבע י.: (שלאָגט אים איבער) איך ווייס, אַז דו הייסט אליקום און אַז דו ווייסט אַ פייג. זאָג מיר בעסער, מירעלען, דעם גביר אוורעמציעס טאָכטער, קענסטו?

אליקום: אוודאי קען איך זי. אליקום הייס איך....

באַבע י.: שוין ווידער אַמאָל „הייס איך“? זאָג מיר בעסער — בתיה, מירעלעס שטיפמאַמע, קענסטו?

אליקום: איך קען, איך קען, — ווער דען, ווער דען?....

באַבע י.: (רוימט אים איין אַ סוד אין אויער).

אליקום: (צעלאַכט זיך) כאַ, כאַ, כאַ! אָט אַ שפּיל! דו וועסט צורעדן די שטיפ־מאַמע, זי זאָל שיקן מירעלען אין מאַרק אַריין און איך וועל צוגנבֿנען ביי מירעלען דאָס געלט. כאַ, כאַ, כאַ! אוודאי, באַבעניו, ווער דען, אַז נישט איך? אליקום הייס איך און אַלצדינג ווייס איך....

באַבע י.: (גיט אים אַ קלאַפּ איבערן אַקסל) גיי שוין, גיי. הייס אביסל ווייניקער און ווייס אביסל ווייניקער. זיי בעסער גרייט ווען מען וועט דיך דאַרפן.

(אליקום פאַרשווינדט. די באַבע יאַכנע בלייבט זיצן פאַרטראַכט. פון הינטער די קוליסן הערט מען די כּישוף־מיידלעך זינגען: „גיבער, גיבער, ווי אַ וויבער“.)

דריט בילד — פאַרן שפּיגל.

(ביידע מיידלעך שטעלן זיך וויטער אַוועק פאַרן שפּיגל.)

חנהלע: דו האָסט געזען, וואָס די כּישוף־מאַכערין האָט דאָ אָפּגעאַרבעט? ווי אַזוי זי האָט פאַרכּישופט דעם גביר, ר׳ אוורעמציע?

מירעלע: נו, און מירעלע? וואָס וועט זיין מיט איר?

חנהלע: מירעלע איז געבליבן מיט דער שלעכטער שטיפמאַמע. די באָבע יאַכנע קומט אַלע מאָל צו דער שטיפמאַמע און סודעט זיך מיט איר. דו ווייסט דאָך, אַז די באָבע יאַכנע האָט אויף מירעלען אַ בייז האַרץ.

מירעלע: איך וואָלט שוין זייער געוואָלט זען אָט די מירעלע. לאָמיר בעטן דעם כישוף־שפּיגל.

חנהלע: ניין, קודם וועט דער כישוף־שפּיגל אונז ווייזן האָצמאַכן מיט זיינע טעכטער.

מירעלע: ווער איז האָצמאַך און וואָס האָט ער צו טון מיט דער גאַנצער מעשה?

חנהלע: האָצמאַך איז אַ ייד אַן אָרעמאַן, אַזוי אָרעם, אַז ער מוז אַזש שווינדלען, אָפּנאַרן — כדי צו פאַרדינען אַ שטיקל ברויט.

מירעלע: אָבער — וואָס קער זיך האָצמאַך אָן מיט מירעלען? אַ פעטער?

חנהלע: ניין. האָב געדולד, דו וועסט שוין זען. (זיי שטעלן זיך ביידע פאַרן שפּיגל און זאָגן דעם שפּרוך.)

ביידע:

כישוף־שפּיגל,
כישוף אוים, —
האָצמאַך, האָצמאַך,
קום אַרויס!
מיטן גאַנצן הויזגעזינד,
געשווינד, געשווינד,
איינס און צוויי,
איידער סליגט די הון אַן איי,
איידער סטוט דער האָן אַ קריי....

(די קינדער צעלויפן זיך. דער שפּיגל ווערט טונקל.)

פערט בילד — ביי האָצמאַכן אין שטוב.

(האָצמאַך כאַפּט אַ דרימל אויפן טאַפּטשאַן. די דריי טעכטער פליקן פעדערן איבער אַ שיסל.)

ערשטע: (זינגט)

מיר פליקן ווייסע פעדערן
פאַר די, וואָס זענען רייך.

און האָבן נישט קיין ביסן ברויט, —
זאָגט, צי איז דאָס גלייך ?
זאָגט, איך בעט אייך,
זאָגט, איך בעט אייך, —
זאָגט, צי איז דאָס גלייך ?

אלע: (צוזאַמען) אסור ניין, אסור ניין,
ס'איז נישט גלייך
ס'איז נישט גלייך און ס'איז נישט שיין, —
ניין, ניין, ניין !

ערשטע: שטילער, שאַ, דער טאַטעשי שלאָפט.

צווייטע: וויפל איז דער שיעור צו שלאָפן ? מען דאַרף אים אויפוועקן. (זי הויבט זיך אויף, גייט צו אים צו און וועקט אים) טאַטע.... טאַטע.... טאַטעשי, שטיי אויף ! דער האָן האָט שוין געקרייט. (האַצמאַך דרייט זיך איבער אויף דער אַנדערער זייט.)

ערשטע: דער טאַטעשי הערט דיך ווי דעם רב. אַט לאָז מיך, וועסטו זען, אַז איך וועל אים אויפוועקן.

דריטע: ווייסט איר וואָס ? לאָמיר אים אַלע פּרוּוון אויפוועקן. (זיי גייען צו צו האַצמאַכן, הייבן אים אָן צו קיצלען און זינגען.)

אלע: (זינגען) טאַטע, טאַטע, שטיי שוין אויף,
שוין גענוג דיר פּאָפן !
שטיי שוין אויף, שטיי שוין אויף, —
שוין גענוג דיר פּאָפן !

האַצמאַך: (רייבט זיך אויס די אויגן) ווו זענען זיי ?

אלע: ווער, טאַטעשי ? וואָס, טאַטעשי ?

האַצמאַך: וואָס הייסט וואָס ? גאָלדענע רענדלעך.... אַט, אַט, ערשט האָב איך זיי געהאַט. זיי אַליין איבערגעציילט.... טויזנט, צוויי טויזנט, הונדערט טויזנט....

דריטע: ס'האָט זיך דיר געחלומט, טאַטעשי.

צווייטע: שפּיי אויס דריי מאָל, טאַטעשי.

ערשטע: תמיד אין חלום האָסטו גאָלדענע רענדלעך. קוים כאַפּסטו זיך אויף, איז נישטאָ אויף קיין אָנבייסן.

צווייטע: נו, און אויף וועטשערע איז דען יאָ פאַראַן?

האצמאַך: נאָר נישט געזאָרגט זיך, קינדער, ס'וועט נאָך זיין אי אויף אָנבייסן אי אויף וועטשערע. זאָל מיין נאָמען נישט הייסן האָצמאַך. (ער זינגט זיך אונטער: „זונטיק בולבעס, מאָנטיק בולבעס".)

ערשטע: (אין כעס) אָט האָט ער זיך צעזונגען (קרימט אים איבער) זונטיק בולבעס, מאָנטיק בולבעס, — און אַ קליידל דאַרף איך האָבן! האָסט פאַרגעסן, אַז זינט די מאַמע איז געשטאָרבן, גיי איך נאָך אין דעמזעלבן קליידל? איך שעם זיך פשוט צו ווייזן אויף דער גאַס. (צעוויינט זיך.)

האצמאַך: (צו איר געווענדעט) וויין נישט, טאָכטער! פון דעם ערשטן געלט, וואָס איך וועל פאַרדינען, קויף איך דיר מערצישעם אַ קלייד. (טאָכטער וויינט ווייטער)

צווייטע: און אַז איך, טאַטע, דאַרף אַ פּאָר שיך, האָסטו פאַרגעסן? פון זינט די מאַמע איז געשטאָרבן, גיי איך נאָך אַלץ אין די זעלבע שיך (צעוויינט זיך.)

דריטע: און איך, טאַטעשי.... איך וויל אַ..חתן. הערסט, טאַטעשי — אַ חתן. אַלע מיידלעך האָבן חתנים, נאָר איך איינע נישט. (צעוויינט זיך.)

האצמאַך: (צעטומלט) ט'האָסטו דיר אַ געוויין אויף מיין קאָפּ! די וויל אַ קלייד, די שיך, און די וויל אַ חתן. צי איז דען האָצמאַך אימשטאַנד אַלצדינג צו פאַרזאָרגן מיטאַמאָל? (פאַרטראַכט זיך) ווייסט איר וואָס, קינדער, איך האָב אַ פּלאַן, לאָמיר זיך שפּילן אין פאַרבלענדעניש. איר וועט מיר צובינדן די אויגן און איך וועל אייך פּרווון כאַפּן. די ערשטע צוויי, וואָס איך וועל כאַפּן, וועלן מוזן אַביסל צוּוואַרטן און די דריטע, וואָס וועט איבערבלייבן, איר וועל איך מוזן קויפן דאָס ערשטע, וואָס זי באַדאַרף. מסכים?

אַלע: (הערן אויף צו וויינען) גוט, טאַטעשי, מסכים! זאָל זיין אַזוי. (זיי פאַרבינדן אים די אויגן און האָצמאַך הייבט אָן אַרומצוזוכן מיט די הענט.)

האצמאַך: האָצמאַך איז אַ בלינדער!

טעכטער: וואָס איז דאָס פאַר אַ וווּנדער?

האצמאַך: צעלויפט זשע אייך נישט, קינדער.

טעכטער: אָט זענען מיר אַלע דאָ!

האצמאַך: יעדער לויפט באַזונדער.

טעכטער: טאַ כאַפּ זשע מיך געשווינדער!

האצמאך: צעלויפט זשע אייך נישט, קינדער!

טעכטער: אַט זענען מיר אַלע דאָ!
(דאָס שפּיל חזרט זיך איבער עטלעכע מאָל, ביז האַצמאַך כאַפּט די ערשטע צוויי טעכטער.)

ערשטע: איצט וועל איך מוזן וואַרטן, זיצן אין שטוב, ביז דער טאַטע וועט מיר קויפן שיך.

צווייטע: און איך, און איך וועל וואַרטן אויפן חתן.

דריטע: אָבער מיך האָט דער טאַטעשי נישט געכאַפּט. מיר וועט ער דאָס ערשטע קויפן אַ קלייד.

האצמאך: (טוט אָן דאָס קעסטל סחורה אויפן האַלדז) און איצט, קינדער, נעמט אייך צו די פּעדערן. איך וועל אַ לויף טון אין קאַנטאָר אַריין און אויב איך וועל באַקומען לייוונט אויף באָרג, איז דענצמאָלט, קינדער, נישט געזאָרגט! (בשעת האַצמאַך גרייט זיך אין וועג אַריין, זעצן זיך די קינדער אַרום דער שיסל מיט די פּעדערן און ברומען: „מיר פליקן פּעדערן".)

האצמאך: אַ גוטן טאָג, קינדער, און זאָל זיין מיט מזל!

אלע: טאַטעשי, מיטן רעכטן פוס!

האצמאך: אוודאי מיטן רעכטן פוס. (ער שטעלט אַוועק דעם רעכטן פוס אויף דער שוועל.)

ערשטע: (זינגט)
טאַטע, גיי אין מארק אַריין,
גיי געזונטערהייט!
גיי געזונט און קום געזונט
און ברענג מיר מיט אַ קלייד!

האצמאך:
אַט לויף איך, אַט לויף איך,
אַט לויף איך און אַט קויף איך!

צווייטע:
טאַטע, לויף אין מארק אַריין,
גיך, גיך, גיך,
לויף געזונט און קום געזונט —
און ברענג מיר אַ פּאָר שיך!

האצמאך:
אַט לויף איך, אַט לויף איך,
אַט לויף איך און אַט קויף איך!

דריטע: טאטע, פלי אין מארק אריין,
פלי, פלי, פלי,
און ברענג פאר מיר א חתן מיט,
פון הי, צי נישט פון הי.

האצמאך: אַט לויף איך, אַט לויף איך,
אַט לויף איך און אַט קויף איך!

(האַצמאַך שפּרינגט אַריבער די שוועל. די טעכטער פליקן וווּיטער די פעדערן. מוזיק שפּילט איבער דאָס ליד. דער שפּיגל פאַרלעשט זיך.)

פינפט בילד — די קינדער פאַרן שפּיגל.

חנהלע: מירעלע, דו האָסט געזען?

מירעלע: יאָ. אוי, סאַראַ אָרעמקייט האָט דער האָצמאַך מיט זיינע טעכטער. ס׳אַ רחמנות אויף זיי.

חנהלע: אבי ער האנדלט, וואנדלט, שווינדלט — און עסן האָט ער קוים צו דער זעט.

מירעלע: ער איז געלאָפן אין קאַנטאָר נעמען לייוונט אויף קרעדיט. כ׳בין טשעקאווע, צי מע וועט אים געבן.

חנהלע: האָצמאַכן אין קאַנטאָר וועסטו תיכף זען אין שפּיגל. ניין, נישט תיכף קודם וועלן מיר זען, ווי די שטיפמאַמע שיקט מירעלען אין מארק אריין.

מירעלע: פון וואנען ווייסטו אַקוראַט וואָס קומט פריער און וואָס קומט שפּעטער?

חנהלע: אָהאָ, סהאָט מיין באָבעשי מיר דערציילט. זי האָט מיט יאָרן נאָך קריק געזען דאָס שטיק ביי גאָלדפאַדענען אין יידישן טעאַטער.

מירעלע: הייסט עס, וועלן מיר איצטער זען, ווי די שטיפמאַמע שיקט מירעלען אין מארק אריין און דערנאָך ווי האָצמאַך האנדל אין קאַנטאָר.

חנהלע: יאָ. אָט דער האָצמאַך, וועסט נאָך זען, וואָס ער וועט דאָ אַלץ אויפטון.

מירעלע: פאַר וועמען?

חנהלע: נו, פאַר איר, פאַר מירעלען. (זיי שטעלן זיך ביידע פאַרן שפּיגל, זאָגן דעם שפּרוך.)

ביידע: כישוף־שפּיגל,
כישוף אוים,
מירעלע, מירעלע,
שיק אַרוים,
מיר ווילן זען
ווי זי איז שיין
און ווי מען הייסט
אין מאַרק איר גיין....
טריי, ריי, ריי,
איינס, צוויי, דריי!

(דער שפּיגל צענעמט זיך. מוזיק. די קינדער באַהאַלטן זיך הינטער די קוליסן.)

זעקסט בילד — צימער פון מירעלעס שטיפמאַמע.

(איינפאַכע שטוב. די מוזיק שפּילט. מירעלע קומט אַריין אָרעם געקליידט מיט אַן עמער אין האַנט. פאַרוויינט, פאַרזאָרגט. זי שטעלט אַוועק דעם עמער.)

מירעלע: עלנט, פון אַלעביימער ווייט,
אויף אַ בערגעלע גאַנץ קליין,
וואַקסט נאָך גאָר אַ יינגביימעלע
אין ווילדן וואַלד אַליין.

(בים)

די זון ברענט עס שטאַרק אין קעפּעלע,
דער רעגן וואַשט עס אָפּ,
און די טראָפּנס פון די בלעטעלעך
רינען ווי טרערן אַראָפּ.

(בים)

קיין שאָטן שיצט דאָס נישט אַרום,
עס פּאַטשט עס פריי דער ווינט....
צו דעם — אַן עלנט יתומהלע —
בין איך געגליכן אצינד.

(בים)

דער טאַטע איז נישטאָ, קיין מאַמע האָב איך נישט,
אַ שטיפמומער — ווי איז מיר.
זי קוועלט מיך, אוי, און קיין שום מענטש
נעמט זיך נישט אָן פאַר מיר.

(בים)

(זי פאַרדעקט מיט די הענט דאָס פּנים און וויינט.)

בתיה: (קומט אַריין פון דער רעכטער זייט) נאָך שטייסטו דאָ, מויד? פון ווען אָן איך האָב זי אַוועקגעשיקט נאָך אַן עמער וואַסער און זי האָט זיך נאָך נישט גערירט פון אָרט! (טוט זי אַ שטופּ) ריר זיך שוין! אין דר'ערד אַריין! דו מיינסט, אַז דו ביסט ביי מיר געפּיעשטשעט, ווי ביים טאַטן דיינעם? (מירעלע וויינט) הער אויף צו וואָיען! אַז וואָיען זאָל איך שוין נאָכן קאָפּ נאָך, דיינעם... (טוט זי נאָכאַמאָל אַ שטופּ) גיי שוין, גיי וואָרן איך צעריים דיר אויף שטיקלעך. (מירעלע גייט אָפּ לינקס.)

בתיה: (אַ ל י י ן) נאַ, נאַ, נאַדיר אַ מויד אויף מיין קאָפּ.... נעכטן איז ביי מיר געוועזן די באָבע יאַכנע און האָט מיר געזאָגט, אַז איך זאָל היינט שיקן מירעלען אין מאַרק אַריין. כהאָב אינגאַנצן פאַרגעסן. (רופט) מירל, מירל!

מירעלע: (פון דער רעכטער זייט) וואָס איז, מאַמעניו?

בתיה: נעם דאָס קוישל און גיי אין מאַרק אַריין איינקויפן. (מירל גייט אַוועק, נעמט דאָס קוישל, קומט צוריק. בתיה נעמט אַרויס אַ בייטעלע מיט געלט.) נאַ, זעסטו? אָט האָב איך דיר אַריינגעלייגט געלט אין קעשענע, נאָר דו ביסט דאָך אַ שלימזלדיקער האָז, קאָנסטו עס דאָך נאָך פאַרלירן. געדענק-זשע. עס וועט דיר קיין ערגער קדחת נישט פעלן. ווּעסט זיך אויף מיינע אויגן נישט טאָרן ווייזן. גיי! (בלייבט פּלוצלונג שטיין און גיט אַ קוק אויף איר) וואָס איז דאָס? מיין שאַל האָסטו גאָר אָנגעטון? קראַנק ביסטו אַזוי צו גיין?

מירעלע: עס איז דאָך אָבער זייער קאַלט אין דרויסן!

בתיה: קוק עס נאָר אָן! די פאַרצערטלטע בריאה, עס איז איר שוין קאַלט געוואָרן. נישקשה, דער רוח וועט דיך נאָך היינט נישט נעמען, הלואי ערשט מאָרגן! (רייסט פון איר אַראָפּ דעם שאַל) וואָס? מיינע אַלטע שיך האָסטו אויך אָנגעטון?

מירעלע: מיינע זענען דאָך אָבער צעריסן.

בתיה: (אויפן קול) אַז רייסן זאָל דיך ביים בויך און ביי די קישקעס, לעבעדיקער פּאַטער! מען דאַרף דאָך צו דיר האָבן קורח'ס אוצרות, מען זאָל דיך קענען אויסהאַלטן. נאָך קיין צוויי יאָר אפילו נישטאָ, אַז מען האָט איר געמאַכט אַ פּאָר שיך, האָט זי זיי שוין צעריסן! ניין, איך האָב נישט קיין שיך פאַר דיינעטוועגן! (רייסט פון איר אַראָפּ די שיך, טוט זי אַ שטופּ) אָט אַזוי ביסטו ביי מיר נישט קראַנק צו גיין. נו, גיי שוין! (נעמט די שיך מיטן שאַל און גייט אַוועק.)

זיבעט בילד — אין קאַנטאָר.

פּריקאַזטשיקעס: (זינגען) קומט גיכער, סוחרים, גיכער,
קויפן שיינע זאַכן,
גיכער, גיכער, ווייל מיר ווילן
דאָס געשעפט פאַרמאַכן.
ווער סע ברענגט מזומן,
דער וועט אַלץ באַקומען,
ווער סע ברענגט נישט קיין מזומן, —
וועט אַ פייג באַקומען.
(זיי ווייזן פייגן און בלייבן אַזוי שטיין.)

האַצמאַך: (מיט אַנדערע צוויי האַצמאַכס, פליען אַריין פון פאַרשידענע זייטן, שטויסן זיך צונויף און שפייען אויס) טפו, ווו זענען אייערע אויגן, פעטער?

2טער האַצמאַך: און ווו זענען אייערע ר' ייד?

3טער האַצמאַך: און איר, ר' קרוב, קויפט אייך אַ פּאָר ברילן.

האַצמאַך: זאָל מיין נאָמען נישט הייסן האַצמאַך, אויב....

2טער האַצמאַך: וואָס פאַר אַ האַצמאַך זענט איר עס, פעטער?

3טער האַצמאַך: טאַקע, טאַקע, וואָס פאַר אַ האַצמאַך זענט איר, אַז האַצמאַך בין איך גאָר?

2טער האַצמאַך: איר....איר זענט האַצמאַך? יידן, געוואַלט, קוקט אים אָן! ער....ער....ער איז האַצמאַך! כאַ, כאַ, כאַ! — ער איז האַצמאַך!

3טער האַצמאַך: וואָס לאַכט איר, פעטער? וואָס לאַכט איר, וואָס?

2טער האַצמאַך: פאַרוואָס זאָל איך נישט לאַכן, אַז איר זאָגט, אַז איר זענט האַצמאַך און צום סוף בין איך גאָר האַצמאַך!

האַצמאַך: וואָס סע האָט זיך מיר געחלומט די נאַכט און יענע נאַכט.... אַזוינע שווינדלערס האָב איך נאָך נישט געזען. גנבים, וואָס איר זענט! אפילו מיטן נאָמען איז מען דאָך נישט זיכער מיט אייך....

די אַנדערע
2 האַצמאַכס: 2) ווער, ווער איז אַ גנב? 3) איר זענט משוגע, צי וואָס?

האצמאך: ניין, ניין. איך בין נישט משוגע. האצמאך בין טאקע איך! און אויב איר ווילט א סימן — נאט אייך! האצמאך האט א קאזע־בערדל (נעמט זיך אן ביים בערדל).

די אנדערע

2 האצמאכס: (נעמען זיך אויך אן ביי די בערדלעך) ריכטיק, ריכטיק, האצמאך האט א קאזע־בערדל.

האצמאך: און דער צווייטער סימן איז — האצמאך האט אויפן רעכטן ארבל א געלע לאטע. (יעדער ווייזט זיין לאטע.)

האצמאך: און דער דריטער סימן, מיינע ליבע יידן: האצמאך האט דריי דערוואקסענע טעכטער. איינע האט נישט קיין שיך, די צווייטע האט נישט קיין קלייד און די דריטע וויל א חתן.

די אנדערע

2 האצמאכס: ריכטיק....ריכטיק — דריי טעכטער, דריי מיידן: איינע אן שיך, די צווייטע האט נישט קיין קלייד און די דריטע האט א פייג און נישט קיין חתן.

האצמאך: און....און זיי פליקן פעדערן.

2טער האצמאך: ריכטיק, ריכטיק — פליקן פעדערן. פון וואנען ווייסט איר, וואס ביי מיר אין שטוב טוט זיך, פעטער?

3טער האצמאך: און ביי מיר?

האצמאך: ווייל איך בין האצמאך און אלצדינג איז ביי מיר.

2טער האצמאך: ניין, ביי מיר.

3טער האצמאך: ביי מיר, נאר ביי מיר!

האצמאך: נאט אייך נאך דעם לעצטן סימן: האצמאך האט נישט קיין פרנסה!!! (ווייזט מיטן פינגער אויף זיך.)

2טער האצמאך: (זיפצט) אוי, ער האט נישט קיין פרנסה! (ווייזט אויף זיך.)

3טער האצמאך: אוי, פעלט דאס אים פרנסה! (ווייזט אויף זיך.)

האצמאך: איצטער זע איך שוין אויף קלאר, אז מיר זענען אלע האצמאכס.

2טער האצמאך: אלע זענען מיר האצמאכס!

3טער האצמאך: האצמאכס זענען מיר אלע! (זיי זינגען.)

האצמאך: כ'האָב דעם כבוד, יידן,
פאַר אייך זיך פאַרצושטעלן:
האַצמאַך הייס איך און איך האַנדל
מיט זייף און מיט קארעלן,
קראַוואַטן, שנוראַוואַדלעס,
מיט שפּינקעס און מאַנזשעטן,
מיט שפּיגעלעך מיט שיינע,
פאַר פאַניעס און פאַצעטן.

אלע דריי: (רעפריין) מיר זענען אַלע האַצמאַכס,
ווער עלטער און ווער יינגער,
מיר זענען אַלע האַצמאַכס,
און גייען אויס פאַר הונגער!
מיר האַנדלען,
מיר וואַנדלען,
מיר איילן, יאָגן, לויפן,
אפשר, אוי אפשר,
וועט איר עפּעס קויפן?

2טער האצמאך: איך האָב דעם כבוד, יידן,
פאַר אייך זיך צו פאַרנייגן:
האַצמאַך הייס איך און איך האַנדל
מיט ראָזשינקעס און פייגן,
מיט אַלטע קאַפּעליושן
און נייע זאָקנבענדלעך —
און נאָר אין חלום, יידן,
פאַרמאָג איך אַ פּאָר רענדלעך....

אלע דריי: מיר זענען אַלע האַצמאַכס א.א.וו.

3טער האצמאך: איך האָב דעם כבוד, יידן,
איר ווייסט שוין וואָס אוודאי:
האַצמאַך הייס איך און איך האַנדל
מיט וואַקס און טשעקאַלאַדע,
מיט אַלטע ברויט און זעמל,
מיט גראַגערס אויף פּורים —
און פון דעם אַלעם, יידן,
האָב איך בלויז יסורים!

אלע דריי: מיר זענען אַלע האַצמאַכס א.א.וו.

פריקאזטשיקעם: וואָס דאַרפט איר, יידן?

אלע האצמאכם: מיר דאַרפן סחורה.

פריקאזטשיקעם: וואָס אַ שטייגער?

אלע האצמאכם: אַ שטייגער לייוונט.

פריקאזטשיקעם: וויפל מעטער?

אלע האצמאכם: וואָס מער איז בעסער.

פריקאזטשיקעם: איר צאָלט מזומן?

אלע האצמאכם: מזומן? — חלילה!

1טער פריקא.: וועט איר נישט באַקומען קיין מעטער אפילו.

האצמאך: וואָס רעדט איר, וואָס זאָגט איר, — איך לויף צום טייך זיך טרענקען!

2טער האצמאך: איך גיב אַ וועקסל.

2טער פריקא.: ווער וועט זשירירן?

די אנדערע האצמאכם: איך....איך....מיר....(ווייזן אויף זיך.)

פריקאזטשיקעם: (צעלאַכן זיך) כאַ, כאַ, כאַ!

האצמאך: וואָס לאַכט איר?

2טער האצמאך: זעט נאָר דאָס געלעכטער....

3טער האצמאך: וואָס איז די גדולה אויף זייער באַבען!

1טער פריקא.: גייט שוין, גייט, אומזיסט די מי.

2טער פריקא.: קרעדיט — איר ווער קומען מאָרגן פרי....

3טער פריקא.: (לאַכט) כי, כי, כי! כי, כי, כי!

(אַלע האַצמאַכם זענען שטאַרק צעטומלט און דערשלאָגן. זיי לויפן אַרום איבער דער סצענע אַהין און צוריק. פריקאַזטשיקעס ווייזן אויף זיי מיט די פינגער און לאַכן.)

האצמאך: (בלייבט שטיין, גיט זיך אַ קלאַפּ אין שטערן) כהאָב אַ פּלאַן!

2טער האצמאך: (בלייבט אויך שטיין) כהאב א פלאן!

3טער האצמאך: (א שפרונג אין דער לופטן) א פלאן, א פלאן, כהאב א פלאן!
(זיי לויפן אלע צו צום טיש.)

האצמאך: סארא לייוונט האט איר? גיט א מוסטער.

2טער האצמאך: מיר אויך א מוסטער.

3טער האצמאך: מיר אויך, מיר אויך! אויב דעם קונה וועט געפעלן, קום איך באלד באשטעלן.
(פריקאזטשיקעס שניידן אפ דריי מוסטערן פון דער לייוונט. אלע דריי האצמאכס לויפן ארום פרייליך מיט די שטיקלעך לייוונט אין דער האנט.)

האצמאך: כ'האב שוין לייוונט, כ'האף אז דאס שטיקל איז גענוג, כ'וועל עס פארקויפן, ווייל איך בין קלוג.

2טער האצמאך: איך אויך! אט לויף איך אויפן יריד פארקויפן די לייוונט, ווי איך בין א ייד!

3טער האצמאך: מיין שטיקל לייוונט וועל איך פראהאנדלען, בעסער ווי ראַ־זשינקעס מיט מאנדלען.

האצמאך: איך גיי דא אויפן היגן מארק.

2טער האצמאך: און איך, איך גיי קיין ראלעסבארג.

3טער האצמאך: און איך, איך גיי קיין ראלפנמארק.

האצמאך: אלצדינג, יא. אי דאס אי יענץ. נאר האצמאכס — נישט קיין קאנקורענץ.

די אנדערע 2 האצמאכס: אסור, אסור, נישט קיין קאנקורענץ.

(זיי זינגען „אלע זענען מיר האצמאכס“, טאנצן דעם האצמאך־טאנץ מיט די שטיקלעך לייוונט אין די הענט. די פריקאזטשיקעס האלטן זיך ביי די זייטן.)

ס ו ף פ ו ן ע ר ש ט ן א ק ט

פ א ר ה א נ ג פ א ל ט

צווייטער אקט

ערשט בילד — מוזיק.

(אַ מאַרק ווינטער־צייט. אַנטקעגן — אַ שורה הילצערנע קלייטלעך, ווו מען פאַרקויפט ברויט, קעז, פוטער, פלייש אד"גל. פון ביידע זייטן רעכטס און לינקס זיצן ווייבער. נעבן יעדער — עטלעכע קיישלעך מיט פאַרשידענע סחורות: קאַרטאָפלעס, ציבעלעס אד"גל. נעבן די קלייטן זעט מען אַרומדרייען זיך אַ סך יידן מיט אַלטע קליידער, אַלטע שטיוול אא"וו. אייניקע פאַרקויפן. קליטניקעס מיט די ווייבער זינגען.)

סוחרים:
קויפט, קויפט, קונים,
קונים, קומט אַהער!
נאָך אַ מאַרק אַזוינעם
איז צו קריגן שווער.
קויפט, אויב איר זענט נאָר מבינים,
עסן, טרינקען, פון אַלע מינים,
קויפט, וואָס אייך גלוסט —
האַלב גאָר אומזיסט!
(בים)

סוחרים: פריש פונעם וואַסער קאַרפ און שלייען!

קונים: ניין, מיר דאַרפן מעל און קלייען, —

סוחרים: דאָס קענט איר נאָר ביי אונז געפינען —

קונים: אַ גערעכטע מאָס האָט נאָר אין זינען! —

כאָר: קויפט, קויפט, קונים א.א.וו.

יידענעס: ציבעלעס, קאַרטאָפלעס, קריפ און כריין, —

קונים: פאַטלאַזשאַנעס ווילן מיר נאָר זען, —

יידענעס: אָט האָט איר פרישע, אַ פּאָר אַ דרייער!

קונים: מיר קענען נישט קויפן, סאיז צו טייער, —

כאָר: קויפט, קויפט, קונים א.א.וו.

יינגלעך: גוטע זייפן, באַרשטן, שוואָמען!

קונים: ניין, מיר ווילן דאַרע פלאָמען!

יידענעם: ביי אונז, ביי אונז, — געפינט איר, אַלצדינג דאָס!

קונים: וועגט זשע אונז אָפּ, נאָר אַ גוטע מאָס!

כאָר: קויפט, קויפט, קונים א.א.וו.

אליקום: (פאַרשטעלט אַלס קצב. זינגט.)
פריש, צאַפּלדיק און צאַפּלדיק, ריין אָפּגעריבן,
כשר, מיר אַזאַ יאָר —
פון אַ שעפּעלע איז מיר געבליבן,
פיסעלעך, נאָר אַ פּאָר.
אוי, פיסעלעך, פיסעלעך, שאָפּענע פיסעלעך!
ווייבלעך, קומט אהער!
ביי אַלע קצבים, די הינט, די כלבים, —
וועט עס אייך קאָסטן מער.
זיי נעמען צו געלט מיט דעם ווינט,
און גיבן אייך נאָר אַ ביין....
טאָ קומט צו מיר, געשווינד, געשווינד, —
איך וועל אייך נישט נאַרן, ניין!

אַ יידענע: (זינגט) באַניע־קערן, באַניע־קערן,
איך פאַרקויף זיי פאַרן קרן,
מעסטעלעך צוויי פאַר אַ דרייער,
קויפט, סע איז נישט טייער, —
כ'האָב זיבן קינדער צו דערנערן!

(נאָכדעם ווי די יידענע האָט אָפּגעזונגען, הויבן אַלע אָן צו שרייען: „קויפט, קויפט, יידן!", „קויפט, קויפט, ווייבער!" — פון דעם עולם רוקט זיך אַרויס אַ קליין יינגעלע מיט אַ קוישל באַבקעלעך אויפגעהאַנגען אויפן האַלז און איבערגעדעקט מיט אַן אַלטן לייוונט.)

יינגעלע: (זינגט) הייסע באבקעלעך, יידעלעך, היים!
נישטאָ איין מענטש אויף דער וועלט,
וואָס לעבט אָפּ זיינע יאָרן,
מיטן ווינט צו פאַרדינען דאָס ביסעלע געלט, —
אַ מלאכה איז אַ חסרון,
ער פוילט זיך צו פאַרדינען, וואָס ער עסט,
האָרעווען איז פאַר אים אַ בושה,
ער קוקט נאָר אַרויס צו עסן קעסט
און צו דערטאַפּן אַ פעטע ירושה....

קראַנק איז ער ווי איך אויך
צו האַרעווען מיטן ביטערן שווייס,
און צו שרייען אינדערהויך —
הייסע באַבקעלעך, יידעלעך, הייס!

דאָרט רוקט זיך אויף דער גאַס און ווערט נישט מיד
אַ גאַנץ שטיק עולם־הבא,
דאָס איז אַ רבי, אַ גוטער ייד
און ביי דער זייט — זיין גבאי.
ווייל זיין זיידע איז דער קאָזשעניצער געווען, —
דערפאַר איז ער אַזאַ מיוחס!
קראַנק איז ער ווי איך אויך,
צו האַרעווען מיטן ביטערן שווייס
און צו שרייען אינדערהויך —
הייסע באַבקעלעך, יידעלעך, הייס!

דאָרט שפּאַצירט אַ שאַלטיקל אויף דער גאַס,
לערנען קען ער גאַרנישט,
ער גייט אַרום גאָר פּוסט און פּאַס
און טוט אַלצדינג, וואָס מען טאָר נישט.
ער צעלייגט זיך אין גאַרטן ווי אַ גראַף
און ער.... דערויף קען איך שווערן, —
האָט גאַרנישט אויף דער וועלט אין זין,
חוץ פייגעלעך און שטערן....
קראַנק איז ער, ווי איך אויך
צו האַרעווען מיטן ביטערן שווייס
און צו שרייען אינדערהויך —
הייסע באַבקעלעך, יידעלעך, הייס!

(האַצמאַך קומט אַרויף אויפן מאַרק.)

האַצמאַך: (הויבט אָן צו שרייען נאָך פון הינטער די קוליסן) צעלניק, צעלניק, גלע־זערנע זאַקנבענדלעך, גומילאַסטיקענע ברילן, שטאַלענע הויזנטרעגערס, לעדערנע שפּילקעס, כשרע זייפן, טרפענע בייטעלעך, פאַרעווע מעסער־לעך, רויטע קאַנסערוון, ווייסע טריוואקס, קעמלעך, בערשטלעך, קנעפּ־לעך, שפּינקעס.... קויפט וואָלוול, בנאמנות, איך זאָג אייך אָן ליצנות און ווער עס וועט....

מיידעלע: האַצמאַך, ענגלישע נאָדלען האָט איר?

האצמאך: נאך וואס פאר אן ענגלישע! זיי קענען אפילו קיין איין ווארט נישט פראנצויזיש. וויפל דארפסטו עס, מיידעלע?

מיידעלע: א גראס נאדלען.

האצמאך: א גראס? א גראס וועל איך דיר פארקויפן פאר וועלוועלער. (ער לייגט אוועק דאס פעקל און בינדט עס אויף.)

מיידעלע: ווי טייער קאסט ביי אייך א גראס נאדלען?

האצמאך: נישט טייער, דרייסיק גראשן.

מיידעלע: דרייסיק גראשן? — צו טייער.

האצמאך: איך זאל אזוי דערלעבן אהיימצוקומען צו מיינע טעכטער, ווי ס'קאסט מיר אליין טייערער. נאר ווייל סע איז שוין באלד שבת, גיב איך עס דיר אוועק פאר וועלוועלער.

מיידעלע: סאיז צו טייער. כוועל אייך געבן נאר צוואנציק גראשן.

האצמאך: אזא קליין מיידעלע און האט שוין אזא גרויסן שכל זיך צו דינגען. גו, דערפאר וועל איך דיר לאזן פאר 25 גראשן און שטרעק אויס דיין שיין הענטעלע, לאמיך דיר אפציילן. (ער נעמט ארויס פון א פודעלע נאדלען און ציילט איר אריין אין דער האנט אריין) 1—2—3—4—5—6 זאג מיר נאר, מיידעלע, וויפל ביסטו עס אזוינס אינגאנצן אלט, וואס דו קענסט זיך שוין אזוי גוט דינגען?

מיידעלע: איך בין אלט דרייצן יאר.

האצמאך: אזוי? דרייצן? הער א מעשה — דרייצן, פערצן, פופצן, זעכצן, זיבעצן, אכצן, ניינצן, צוואנציק.... און וויפל קען אלט זיין דיין טאטע זאל לעבן, מיינסט איך קען אים נישט, דעם טאטן דיינעם, וויפל איז ער שוין אלט?

מיידעלע: מיין טאטע איז אלט א יאר.... פינף און דרייסיק.

האצמאך: ווי געפעלט זי אייך, איך בעט אייך? אירע יארן האט זי פארלייקנט און דעם טאטנס יארן וויל זי אויך פארלייקענען. דער טאטע אירער, זאגט זי, איז אלט א יאר פינף און דרייסיק.... נישקשה, ועסט מיך נישט אפנארן. איך וויים, אז דיין טאטע איז שוין אלט א יאר 40. — 41—42—43—44—5 —6 —7 —8 —9 —50.. אט קוקסטו מיך אן, מיידעלע, וויפל יאר מיינסטו קאן איך אלט זיין מיטן קליינעם בערדעלע, הא?
צו זעכציק, יא, יא—61—62—63—64—65—66—67—68—69—

מיידעלע: איך ווייס, אפשר פערציק יאָר.

האצמאך: (צעלאַכט זיך) פערציק, זאָגט זי.... איך בין שוין אַזוי פאַוואָליע קרוב 70—71—72—73— (טוט אַ זיפץ) אוי, אוי, אוי! הלוואי וואָלטן מיר ביידע געלעבט אַזוי פיל, וויפל מיין זיידע האָט געלעבט. כהאָב געהאַט אַ זיידן ע"ה, האָט ער געלעבט 125 יאָר. יאָ, יאָ,—125—126—127.. (ער ציילט איר אָפּ ביז 144) יאָ, יאָ, מיידעלע, אָט זענען מיר נאָך איבער־געבליבן נאָך פינף נאָדלען. נאָ דיר זיי אַוועק, איך וועל דיר פאַר זיי נישט רעכענען. ערלעך? נו, גיב אַהער געלט און גיי גיך אַהיים און און גיב אַכטונג, דו זאָלסט גאָרנישט פאַרלירן, וואָרן דיין מאַמעשי קאָן נאָך זאָגן, אַז איך האָב דיר נישט ערלעך אָפּגעציילט. (זי גיט אים געלט און גייט אַוועק.)

האצמאך: נו, קויפט זשע בנאמנות, איך זאָג אייך אָן ליצנות, ווער ס'וועט וועלן טייער, זאָל ברענען אויפן פייער. גלעזערנע זאָקנבענדלעך, שטאָלענע..

א ייד: (צו האַצמאַכן, ער פאָנפעט) לייוונט האָסטו?

האצמאך: נאָך וואָס פאַר אַ לייוונט! איר מעגט אייך ווינטשן אַזאַ יאָר, וואָס פאַר אַ לייוונט איך האָב.

ייד: אַנו, לאָמיך זי נאָר אָנקוקן.

האצמאך: אָט, אָ, איר זעט? (ער האַלט די לייוונט אין זיינע הענט, רייבט זי עטלעכע מאָל דורך, קערט זי איבער און ווי דער ייד וויל נאָר נעמען די לייוונט אין דער האַנט אַריין כדי זי צו באַטראַכטן, לאָזט האַצמאַך נישט) וואָס פרעגסטו שאלות, נשקשה, — ס'איז אַ גוטע לייוונט. איר מעגט אייך ווינטשן אַזוי לאַנג צו לעבן, ווי לאַנג די לייוונט קען אויסהאַלטן.

ייד: פאַרוואָס זשע לאָזט איר זי מיך נישט אָנקוקן?

האצמאך: אַז איר דאַרפט גאָרנישט קוקן. הייסט אייך אָפּמעסטן און שוין.

ייד: ווי טייער זשע לייזטו די איל?

האצמאך: ווייס איך, וואָס דאַרפט איר זיך דינגען? — מיר נישט, דיר נישט, הייסט אָפּשניידן.

ייד: ניין, אַזוי קויף איך נישט. זאָג מיר, ווי טייער לייזטו אַן איל?

האצמאך: אַ רענדל אַרויף, אַ רענדל אַראָפּ, סוועט אייך קאָסטן אַ האַלבן גילן אַן איל.

ייד: וואָס רעדסטו, האַצמאַך? אַ האַלבן גילן פאַר אַזאַ פּראָסטער לייוונט?

האצמאך: איך זאָל אַזוי דערלעבן אַהיימצוגיין צו מיינע טעכטער, ווי סע קאָסט מיר אַליין טייער. איר ווייסט דען אפנים, פונוואַנען די לייוונט שטאַמט? איר האָט געהערט פון די צוויי גרויסע פאַבריקאַנטן, שאַב־ראַיעוויטש עט שווינדעלזאָן? — דאָס איז זייער לייוונט. פאַרשטייט שוין? איר מעגט מיר גלויבן, ווען סאיז נישט ערב שבת, וואָלט איך אייך נישט געגעבן די אייל פאַר אַ גילן אַפילו.

ייד: ניין, ניין, האַצמאַך. אַזוי טייער קאָן איך דיר נישט צאָלן. אויב דו ווילסט 25 גראָשן פאַר אַן אייל, מעגסטו מיר אָפּמעסטן.

האצמאך: נישט מער ווי דרייסיק איילן? נו, און אַז עס וועט איבערבלייבן עטלעכע איילן, וועט איר זיי דאָך אויך מסתמא צונעמען. כלעבן, סקומט צונויף אין אַ שטוב, דאָס העמדעלע דעם קינד צו פאַריכטן, אַ פאָר הויזן צו פאַרלאַטען, — הערטשע אויס, אַזוי ווי סאיז שוין שפּעט און איך דאַרף נאָך היינט גיין לכבוד שבת אין מרחץ אַריין, וויל איך מיך מיט אייך קיין סך נישט דינגען און איך וועל אייך אָפּשניידן צו פערציק גראָשן אַן אייל. (ער נעמט דעם מעטער און וויל אָנהייבן מעסטן.)

ייד: האָסט נאָר אַ ריכטיקע אייל, האַצמאַך?

האצמאך: אַ שאלה אַביסל, אַ שפּאָגל נייע, ערשט פון קלייט אַרויס (ער מעסט די לייוונט און ציילט) 1—2—3—4—5—6—7—8....אוי, איז דאָס אַ ביטער שטיקל ברויט! אָט אַזוי פּלאָג איך מיך שוין, ווי איר זעט, אַ יאָרפערצן אָדער 15—16—17—18—19—20—21—22—23—24—25—26....אַ חוץ דעם, לאָזט מיך דער שטייער־אַמט נישט לעבן. ערשט נעכטן האָב איך באַצאָלט 18 גילדן מיט 36—37—38—39—40. . . .איר זעט וויפל ס'איז דאָ, 40 איילן מיט אַ האַלבער. פאַר דער האַלבער אייל רעכן איך אייך נישט.

ייד: נו, נו, לייג צונויף און באַרעכן, וויפל סע קומט דיר.

האצמאך: וואָס איז דאָ פאַראַן אַזוי פיל צו רעכענען? סאיז אַ פּשוטער חשבון. פאַר 40 איילן מיט אַ האַלבער קומט מיר 8 גילן מיט 10 גראָשן, נאָר אַזוי ווי די האַלבע אייל רעכן איך נישט, קומט מיר אַכט גילן. נאָט די לייוונט אונגיט אַהער געלט, ווייל איך מוז אַוועקגיין.

ייד: (צאָלט אויס, נעמט די לייוונט אין די הענט אַריין) וואָס איז דאָס, האַצמאַך? פאַרוואָס איז עפּעס די לייוונט אַזוי גרינג?

האצמאך? הערסטו, אָט דאָס איז דאָך טאַקע דער סימן פון אַ גוטער לייוונט. נו, גייט שוין, גייט געזונטערהייט, איר זאָלט עס דערלעבן איינגיכן צו צע־

רייסן. און — ויברח משה, — האַצמאַך, שטעל פיס! (ער גייט אַוועק.)

(מירעלע קומט אַן אויפן מאַרק, זינגענדיק דעם כישוף־ניגון. דער גאַנצער מאַרק הויבט אָן אויפצולעבן אונטערן רושם פונעם ניגון. בשעת זי זינגט נעמט איר אליקום אַרויס דאָס געלט פון דער קעשענע.... נאָכדעם ווי זי האָט אָפּגעזונגען דעם ניגון, גייט זי צו צום קצב, דעם פאַרשטעלטן אליקום.)

מירעלע: גיט מיר אַ גוט פונט פלייש, אָבער אַן ביינער! (דער קצב וועגט איר אָפּ אַ פונט פלייש. מירעלע וויל באַצאָלן, באַמערקט אַז זי האָט נישט קיין געלט.)

קצב

(אליקום): וואָס זוכט איר, פריילין?

מירעלע: אוי, פינצטער איז מיר! נאָר דאָס האָט מיר געפעלט! די שטיפמאַמע האָט מיר מיטגעגעבן געלט אין מאַרק אַריין אויף פלייש צו קויפן, האָט עס עמיצער ביי מיר אַרויסגעגנבעט. וואָס טוט מען, וואָס טוט מען?.... (זי צעוויינט זיך. דער עולם שטעלט זיך אַרום אַרום איר, באַטראַכט זי) ווי איז מיר! סאיז מיר שוין ליבערשט דער טויט, איידער אַהיימצוגיין צו דער שטיפמאַמע אָן געלט און אָן פלייש! יידן, בני רחמנים! גיט מיר אַן עצה! (זי זינגט.)

אוי, איר יידן, בני רחמנים,
אַ גוט הארץ איז דאָ ביי אייך,
ביי אייך זענען דאָ דינים —
פסקנט, צי איז דאָס גלייך?
פאַרוואָס לאָזט מען געוועלטיקן דאָרט איינער
און אויף אַ יתומה קוקט זיך נישט אום קיינער?
אוי, איר יידן, בני רחמנים, —
אַ גוט הארץ איז דאָ ביי אייך!

כאָר: ווער איז דאָס קינד,
פאַרבלאָנדזשעט געווים,
עס בעט הילף אַ צינד, —
ווער ווייסט, ווער זי איז?

מירעלע: אוי, איר יידן, בני רחמנים,
אַ גוט הארץ איז דאָ ביי אייך,
נעמט מיך צו, איך פאַל אויפן פנים, —
גיט מיר ערגעץ אויך אַ דאַך.

אהיימצוגיין זאָלט איר מיך נישט נייטן,
ווייל די שטיפמאַמע וועט דאָרטן טויטן!
אוי, איר יידן, בני רחמנים,
אַ גוט האַרץ איז דאָ ביי אייך!

כאָר: וועד איז דאָס קינד? א.א.וו.

(בעת מירעלע זינגט דעם לעצטן פערז, קומט אַרויס די באָבע יאַכנע. זי גייט צו צו מירעלען.)

באָבע: וואָס וויינסטו, מירעלע?

מירעלע: גאָרנישט!

באָבע: וועמעס ביסטו? ביסט אַ היגע, צי ניין? ווי הייסטו?

מירעלע: איך הייס מירל.

באָבע: וואָס זשע זיצסטו דאָ און וויינסט? האָסט דאָ עלטערן?

מירעלע: מיין טאַטע איז ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן און מיין מאַמע איז געשטאָרבן.

באָבע: ווי אַזוי האָט געהייסן דיין מאַמע?

מירעלע: שיפרה האָט מען זי גערופן.

באָבע: שיפרה, ר' יוחנן'ס טאָכטער — וויי איז מיר! און דו ביסט איר קינד? ווייי דיין מומען! וואָס טוסטו דאָ אַזוי נאַקעט און באָרוועס?

מירעלע: וואָס, איר זענט מיינע אַ מומע?

באָבע: וואָס, די מאַמע האָט דיר קיינמאָל נישט דערציילט? דיין מאַמע מיט מיין מאַמען זענען געווען לייבלעכע געשוועסטער־קינדער. וואָס טוסטו עפּעס, מיידעלע? וואָס מאַכט עפּעס דיין טאַטע אוראַמציע?

מירעלע: כהאָב דאָך אייך שוין געזאָגט, אַז מיין מאַמע איז פאַרשוווּנדן און מען ווייסט נישט וווּ....

באָבע: אהאַ, אהאַ!....

מירעלע: און איך בין געבליבן ביי אַ שטיפמאַמע. זי שלאָגט מיך, זי הרגעט מיך. אַט האָט זי מיך געשיקט קויפן פליייש אין מאַרק, האָב איך מורא אהיימצוגיין, ווייל מען האָט ביי מיר אַרויסגעגנבעט דאָס געלט.

באָבע: וואָס? אַ שטיפמאַמע? ווי איז מיר, פינסטער איז מיר! אַזוי נאַקעט.. ווייי איז מיר, דו קענסט דאָך נאָך אַזוי פאַרפרוירן ווערן. אָן אַ שאַלעכל,

קוק אָן, אָן שיך אויך... .ווי איז דיין טאטען, מומען! (זי נעמט אַרויס פון אונטערן שאַל אַ פּאָר אַלטע שקראַבעס) נאַ, נעם, טו דערוויייל אָן. כהאָב זיי ערשט געקויפט אויפן מאַרק, — און קום צו מיר אהיים, וועסט זיך אביסל אָנוואַרעמען ביי מיר. דערנאָך וועל איך דיך אָפּפירן אהיים. דאָרט וועל איך זיך שוין אָפּרעכענען מיט דער שיטפּמאַמען מיט דיינער. (זי נעמט פון זיך אַראָפּ דעם שאַל און גיט אים מירעלען) נאַ, טו אָן דעם שאַל, זאָלסט דערוויייל נישט פאַרפרוירן ווערן און קום שוין מיט מיר אהיים. אַ וויטיק דער מומען דיינער. (זיי גייען ביידע אַוועק.)

עולם: קויפט, קויפט, קונים א.א.וו.

(אינמיטן געזאַנג הויבט אָן צו שיטן אַ שניי. אַ טייל מענטשן הויבן אָן צו לויפן אַהין און אַהער, איבערן מאַרק, כדי זיך צו דערוואַרעמען. בעת זיי זינגען פאַלט דער פאָרהאַנג.)

צווייט בילד — ביי האַצמאַכן אין שטוב.

(האַצמאַך ליגט אויפן טאַפּטשאַן און שלאָפט. מוזיק שפּילט שטיל. האַצמאַכן חלומט זיך, ער זעט פאַרשידענע בילדער. דאָס ערשטע באַווייזט זיך אים זיין געשטאָרבן ווייב מיט אַ וואַלגערהאָלץ אין האַנט.)

ווייב: האַצמאַך, דערקענסט מיך?

האצמאך: ביילע, דו ביסט עס....איך זאָל אזוי זיין געזונט, ווי דו ביסט עס, ביילע!

ווייב: יאָ. איך בין עס ביילע, דיין ווייב ביילע, און איך בין געקומען צו דיר צו גאַסט פון יענער וועלט.

האצמאך: מיט אַ וואַלגערהאָלץ! צו וואָס דאַרפסטו עס, ביילעשי, אַ וואַלגערהאָלץ?

ווייב: קוק אים נאָר אָן, ווי ער מאַכט זיך טאַמעוואַטע....דו ווייסט שוין צו וואָס איך דאַרף דעם וואַלגערהאָלץ. איך דאַרף אים, כדי דיך צו דערמאָנען....

האצמאך: וואָס, ביילעשי? וואָס דאַרפסטו מיך דערמאָנען?

ווייב: אַז דו האָסט דריי דערוואַקסענע טעכטער, און אַז מען דאַרף זיי פאַר־זאָרגן. געדענק, האָצמאַך, אַז דו ביזט אַ טאַטע....

האצמאך: איך גערענק, איך גערענק,ביילע קרוין.... זעסט דאך, אז איך טו, וואס איך קען. איך לויף אויף די ירידים, איך האנדל, איך שווינדל, איך טו אלצדינג, וואס איך קען....נאר סאיז נישטא קיין מזל.

ביילע: מזל, זאגסטו, האצמאך, (זי הויבט אויף דעם וואלגערהאלץ) איך וויל פון גארנישט נישט וויסן! גערענק, האצמאך, האסט דריי טעכטער, מען דארף זיי פארזארגן....טו, וואס דו ווילסט — שווינדל, גנבע, ראַ־בעווע, — אבער די טעכטער פארזארג מיר, אז נישט (זי סטראשעט אים מיטן וואלגערהאלץ..און פארשווינדט. האצמאך שלאפט ווייטער. די מוזיק שפילט. א צווייטע געשטאלט באווייזט זיך פאר אים, דאס מיידעלע, וואס האט געקויפט נאדלען אין מארק.)

מיידעלע: האצמאך!

האצמאך: הא, ווער ביסטו?

מיידעלע: דערקענסט מיך נישט, האצמאך!

האצמאך: יא..ניין.. דאס הייסט אז איך וויל....

מיידעלע: וואס פלאנטערסטו מיט דער צונג, האצמאך? דאס בין איך דאס מיי־דעלע, וואס האט ביי דיר געקויפט נאדלען אין מארק.

האצמאך: אהא..אהא..כ'דערמאן זיך..כ'דערמאן זיך..פרייטיק אויפן מארק, ווען ס'איז געגאנגען דער גרויסער שניי. . . .וואס זשע ווילסטו, מיידעלע?

מיידעלע: האצמאך, פארוואס האסטו מיך אפגענארט? דו ווייסט, אז די מאמע האט מיך געשלאגן. זי האט געמיינט, אז איך האב פארלוירן נאדלען, און צום סוף האסטו מיך אפגענארט....פארוואס?

האצמאך: פארוואס....דערפאר, וואס איך בין א ייד, א שלימזל, ווייל כהאב דריי דערוואקסענע טעכטער..און מען געטרויט מיר נישט קיין סחורה אויף בארג.

מיידעלע: האצמאך, וועסט מיך שוין מער נישט אפנארן, אז כוועל ביי דיר קויפן נאדלען?

האצמאך: ניין!..

(דאס מיידעלע פארשווינדט. דער פאנפעוואטער ייד באווייזט זיך מיטן שפיקל לייוונט אין דער האנט.)

ייד: האצמאך, ווייסט ווער איך בין?

האצמאך: וואָס הייסט וועך? אַ ייד מיט אַ באָרד, ווי אַלע יידן.... און מיט אַ פּעקל אין דער האַנט... נאָר וואָס ס'איז פאַראַן אין דעם פּעקל, ווייס איך נישט.

ייד: ווייסט נישט, האָצמאַך? דערקענסט עס נישט? אויב אַזוי, וועל איך דיר זאָגן: אין דעם פּעקל איז דאָ לייוונט.. דיין לייוונט.. אָט די לייוונט, וואָס איך האָב ביי דיר איינגעהאַנדלט פּרייטיק אויפן מאַרק.

האצמאך: זאָל אייך ווויל באַקומען, פעטער. וואָס זשע ווילט איר איצט פון מיר?

ייד: כהאָב דיר צוריקגעבראַכט די לייוונט, האָצמאַך. האָסט מיך אָפּגענאַרט, האָצמאַך. נאַ זשע דיר צוריק די סחורה, האָצמאַך, און גיב זשע מיר צוריק דאָס געלט, האָצמאַך.

האצמאך: אין חלום האַנדל איך נישט, פעטער. נעמט אייך דאָס פּעקל און גייט אייך געזונטערהייט.

ייד: וואָס הייסט דו הייסט מיר גיין, האָצמאַך? וואָס מיינסטו, ס'איז הפקר אַ וועלט, האָצמאַך? נעמסט און ציילסט די יאָרן, אַנשטאָט אַזוי פיל איילן לייוונט, האָצמאַך?

האצמאך: כהאָב אייך שוין איינמאָל געזאָגט, אַז אין חלום האַנדל איך נישט. אויב איר האָט טענות, קומט אויפן מאַרק. איצט גייט אייך, גייט געזונטערהייט.

ייד: כבין אומישנע געקומען צו דיר אין חלום, ווייל איך ווייס, אַז אין חלום ביסטו נאָך ערלעך, האָצמאַך. געדענק זשע, אַז איך וועל קומען אויפן מאַרק, האָצמאַך....

האצמאך: כ'ווייס שוין, כ'ווייס שוין, דערווייל נעמט אייך דאָס פּעקל און גייט אייך געזונטערהייט!....

(דער פאַנפעוואָטער ייד נעמט דאָס פּעקל און פאַרשווינדט. האָצמאַך שלאָפט ווייטער. די מוזיק שפּילט. סליכמיקט זיך אויס די געשטאַלט פון מירעלען.)

מירעלע: האָצמאַך! דו הערסט, האָצמאַך?

האצמאך: איך הער און איך זע.... עפּעס ביסטו מיר קענטלעך, נאָר ווו כ'האָב דיך געזען, געדענק איך נישט.

מירעלע: דאָס בין איך, מירעלע, דעם גביר רב אווראַמציעס טאָכטער מירעלע.

האצמאך: (פריילעך) אוי, מירעלע!! ווו ביסטו עס פאַרפאַלן געוואָרן? די גאַנצע שטאָט רעדט דאָך וועגן דעם.. קודם איז דיין טאַטע פאַרשוווּנדן און דערנאָך דו....

מירעלע: הער אוים, האצמאך. כוועל דיר אלץ זאגן, נאר דו מוזט מיר צוזאגן, אז עס וועט בלייבן א סוד.

האצמאך: פתח שין—שא!

מירעלע: איצט ווייס איך אלץ. די כישוף־מאכערין, די באבע יאכנע, האט פארכישופט מיין טאטן. ער וואגלט ארום ווי א בעטלער איבער דער וועלט.

האצמאך: פארוואס האט זי אים פארכישופט?

מירעלע: דערפאר ווייל מיין טאטע האט מיך אויסגעלערנט דעם כישוף־ניגון.

האצמאך: און מיט דיר, וואס איז געשען, מירעלע?

מירעלע: מיך האט זיך פארנארט..באהאלטן..דו..דו האצמאך..דו מוזט מיך פון איר באפרייען....

האצמאך: איך, מירעלע?

מירעלע: יא, דו האצמאך..זוך מיך איבער דער וועלט..און אז דו וועסט מיך געפינען וועל איך דיך אויסלערנען דעם כישוף־ניגון און אז מיר וועלן דערנאך געפינען דעם טאטן מיינעם, וועסטו פארשפארן מער צו שווינדלען. געדענק, האצמאך.! (זי זינגט דעם כישוף־ניגון און פארשווינדט. האצמאך כאפט זיך אויף, רייבט זיך אויס די אויגן.)

האצמאך: א חלום..א חלום..(ער וויל זיך דערמאנען דעם כישוף־ניגון) ניין, איך קען זיך נישט דערמאנען דעם ניגון..די כישוף־מאכערין האט פארכישופט רב אווראמציען..פארנארט מירעלען..כוועל זי געפינען, זאל מיין נאמען נישט הייסן האצמאך..אבער געדענק, מירעלע, די האסט מיר צוגעזאגט, אז דו וועסט מיך אויסלערנען דעם כישוף־ניגון.. (ער כאפט אויף זיך דאס רעקל) קינדער, ווו זענט איר ערגעץ, קינדער?! (די טעכטער לויפן אריין.)

איינע: וואס איז, טאטעשי?

צווייטע: ווו גייסטו, טאטעשי?

דריטע: וואס ביסטו אזוי צעטראגן, טאטעשי?

האצמאך: פרעגט נישט, קינדער, פרעגט נישט. סוועט זיין גוט. איך גיי איצט אוועק און אויב איך וועל אזוי גיך נישט צוריק קומען, זאלט איר גאר נישט איבערקלערן.

טעכטער: ווו, ווו, ווו גייסטו, טאטעשי?

האצמאך: סאיז דערוויל א סוד.. און דער סוד האט א ניגון..א סוד מיט א ניגון, קינדער..איר פארשטייט?

טעכטער: ניין, מיר פארשטייען נישט.

האצמאך: וועט איר פארשטיין שפעטער..א גוטן טאג, קינדער! (ער כאפט דאס קעסטל מיט סחורה און לויפט ארויס. די טעכטער בליבן שטיין פארוואונדערט, שטרעקן אויס די הענט) טא....טא....טאטעשי!!!

דריט בילד — ביי דער כישוף־מאכערין.

(דאס צימער ביי דער כישוף־מאכערין. אינמיטן שטוב שטייט דער כישוף־שפיגל. ארום דעם כישוף־קעסל זיצן די כישוף־מיידלעך. זיי זינגען: „גיבער, גיבער, ווי א וויכער" א.א.וו.)

ערשטע: די באבע יאכנע זוימט זיך עס׳היינט אביסל. ווו א שטייגער קען זי זיין?

צווייטע: אז זי רוט נישט קיין איין מינוט. אט פליט זי אריין ווי א ווינטער, קערט אלצדינג איבער מיט דעם קאפ אראפ און מיט די פיס ארויף. און אט איז זי שוין ווידער ערגעץ, ווו דער שווארצער פעפער וואקסט..

דריטע: איך וועל אייך זאגן א סוד, מיידלעך. איך בין שוין ביי דער כישוף־מאכערין א היפש ביסל יארן. א צעטראגענע מכשפה איז זי פון תמיד אן געווען. נאר אזוי צעטראגן ווי אצינד, האב איך זי נאך קיינמאל נישט געזען....

אנד. 2: וואס קען דאס זיין? עפעס מוז דא זיין..

דריטע: אוודאי איז עפעס דא א זאך דאביי. און אויב כהאב קיין טעות נישט, איז עס אלץ דער כישוף־ניגון.

צווייטע: דאס הייסט, זי קען נאך אלץ נישט מוחל זיין אט דעם אמראוויציע, פארוואס ער האט אויסגעגעבן דעם כישוף־ניגון?

ערשטע: אים, רב אווראמציען, האט זי דאך שוין באשטראפט. וואס זשע וויל זי נאך?

דריטע: נו, און מירעלע? איר האט פארגעסן אין מירעלען?

ערשטע: מירעלען האט זי דאך שוין אויך פארנארט און זי פארשלאסן אין איר סעקרעטנעם צימער.

דריטע: פארנארט און פארשלאָסן — אָבער פאר דער באָבע יאַכנע איז דאָס נאָך א צו קליינע שטראָף....

צווייטע: וואָס זשע דען וויל זי?

דריטע: ווער קען עס וויסן? זי האָט אַזוי פיל סודות, די באָבע יאַכנע.

צווייטע: ווייסט איר וואָס, מיידלעך, אזוי ווי די באָבע יאַכנע איז נישטאָ, לאָמיר אויפמאַכן דאָס סעקרעטנע צימער און אביסל ארויסנעמען מירעלען, זאָל זי אונז עפּעס דערציילן.

ערשטע: און אַז די באָבע יאַכנע וועט זיך דערוויסן?

צווייטע: נאָר אויף איין רעגעלע..איין רגעלע..די באָבע יאַכנע וועט גאָרנישט זאָגן. לאָמיר זי אַראָפּברייננגען..איבעריקנס, קיינער וועט איר גאָרנישט דערציילן.

דריטע: אָבער נאָר אויף איין רעגעלע?..איר הערט, מיידלעך, איך האָב מורא צו פארטשעפּען מיט דער באָבע יאַכנע. זי, אַז זי האָט אויף עמיצן א הארץ....

(זי נעמט אַרויס דעם סעקרעטנעם שליסל פון א שופלאָד, עפנט אויף דאָס סעקרעטנע צימער און מירעלע קומט אַרויס.)

מירעלע: וווּ בין איך? וווהין פירט איר מיך? וואָס ווילט איר פון מיר?

ערשטע: האָב נישט קיין מורא, מירעלע, מיר וועלן דיר קיין שום שלעכטס נישט טון.

צווייטע: זעץ דיך צווישן אונז אנידער, מירעלע, און דערצייל אונז עפּעס.

דריטע: און זינג אונז עפּעס..דעם כישוף-ניגון!!!

אלע: יאָ, יאָ, מירעלע, זינג אונז דעם כישוף-ניגון!

מירעלע: דעם כישוף-ניגון? אויב איר וועט מיר זאָגן, וואָס די כישוף-מאַכערין וויל מיט מיר טון, וועל איך אייך זינגען דעם כישוף-ניגון.

ערשטע: מיר ווייסן דען, מירעלע?

צווייטע: די באָבע יאַכנע דערציילט אונז דען?

דריטע: אוי, ווען מיר וואָלטן געוווּסט, וואָס די באָבע יאַכנע קלערט..מיר ווייסן אָבער א פייג....

מירעלע: וועל איך נישט זינגען.

דריטע: און אויב מיר וועלן דיר ווייזן דיין טאטעשי....דו זעסט, אט דא אין כישוף־שפיגל, וועלן מיר דיר ווייזן דיין טאטעשי....

מירעלע: (פריילעך) ווייזט מיר אים, איך וועל אייך דערפאר זינגען, וויפל איר ווילט אליין.

מיידלעך: קודם זינג, מירעלע, דערנאך וועלן מיר דיר אים ווייזן.

מירעלע: כהאב שוין אזוי לאנג נישט געזען מיין טאטן....ווייזט מיר אים אין כישוף־שפיגל. כוועל עס אייך קיינמאל נישט פארגעסן. כוועל אייך זינגען דעם כישוף־ניגון בייטאג און ביינאכט, ווען איר וועט נאר וועלן.

ערשטע: אז זי בעט אזוי, לאמיר איר ווייזן.

צווייטע: זי איז אזא שיינע!

דריטע: אזא ווילע!

(זיי גייען צו צום כישוף־שפיגל און זאגן דעם שפרוך.)

כישוף־שפיגל,
כישוף אוים,
אלטער בעטלער —
קום ארוים!
אויף א רגע,
איינער בלויז, —
קום ארוים!

(דער שפיגל ווערט ליכטיק. רב אווראמציע באווייזט זיך אלס בעטלער מיטן שטעקן און דער טארבע.)

מירעלע: ס'איז ער, ס'איז ער....ווי ער זעט אוים!!!

(דער שפיגל פארלעשט זיך. מירעלע שטייט צעטומלט. די מיידלעך רינגלען זי ארום.)

ערשטע: נו, מירעלע, דו האסט געזען?

מירעלע: (קוים־קוים) יא.

צווייטע: איצט, מירעלע, האלט ווארט און זינג.

דריטע: זינג דעם כישוף־ניגון.

(אלע זעצן זיך ארום איר. מירעלע זינגט דעם כישוף־ניגון. די בינע ווערט באלויכטן בלוי.)

האצמאך: (קלאפט אין טיר) עפנט, עפנט!

(די מיידלעך ווערן צעטומלט. זיי נעמען מירעלען ביי דער האַנט. פירן זי צוריק אַריין אין סעקרעטנעם צימער. פאַרשליסן די טיר.)

האצמאך: מאכט אויף מאכט אויף!

מיידלעך: ווער קלאפט עס דאַרט?

האצמאך: עפנט. וועט איר זען האצמאכן מיט די ביינער.

מיידלעך: די באַבע יאכנע איז נישטאָ.

האצמאך: וואָס גייט מיך אָן די באַבע יאכנע? אבי איר זענט דאָ, מיידלעך, איז שוין גוט.

מיידלעך: וואָס ווילט איר?

האצמאך: כ'וויל, איר זאָלט מיר אָפּטון אַ כישוף. מיין ווייב ביילע זאָל מיר מער נישט קומען צו חלום. און אויב זי וועט שוין יאָ קומען, זאָל זי נישט מיטנעמען דעם וואַלגערהאָלץ....איר ווייסט שוין וואָס איך וויל, מיידלעך?

ערשטע: ניין, דאָס קענען מיר נישט. זאָג, וואָס דו ווילסט.

האצמאך: כ'וואָלט געוואָלט מיידלעך, איר זאָלט מיר אָפּטון אַ כישוף, אַז אין אַפּעקעלע נאָדלען זאָלן זיין אַזויפיל, וויפל מען דאַרף. איך זאָל פאַרשפּאָרן אָפּצונאַרן קליינע מיידלעך, וואָס קומען צו מיר קויפן. און צווייטנס וואָלט איך געוואָלט, אַז אַ שטיקל לייוונט זאָל זיך ציען און ציען, כ'זאָל פאַרשפּאָרן אָפּצונאַרן יידן, פאַנפען אונטערן נאָז און די יידן זאָלן פאַרשפּאָרן צו מיר צו קומען און מיר אַנפאַנפען אַ פולן חלום....

צווייטע: יאָ, דאָס קענען מיר. נאָר צום ערשטן מוזן מיר אייך פאַרבינדן די אויגן.

(זי רופט צו נאָך אַ מיידל. זיי גייען צוזאַמען אַרויס און פאַרבינדן אים די אויגן.)

האצמאך: מעג איך מיר מיטנעמען דאָס קעסטעלע מיט סחורה? איך האָב מורא, איר זאָלט מיר נישט אָפּטון אַזאַ כישוף, אַז ס'זאָל מיר נישט בלייבן קיין איין זאַקנבענדל.

מיידלעך: נישקשה, נישקשה, האָט קיין מורא נישט....(זיי פירן אים אַריין פאַרבונדענערהייט.)

האצמאך: (מאַכט עטלעכע שפּאַן מיט מורא) אוי, אוי! וווהין פירט איר מיך! איר ווייסט, אַז איך הויב שוין אָן מורא צו האָבן. (זיי פירן אים וויטער) שטייט, שטייט, מיר דאַכט זיך, אַז די ערד הויבט זיך אָן שפּאַלטן אונטער מיר.... הערט מיך שוין אויף צו פירן. כ'האָב דריי דער־וואַקסענע טעכטער.... איינע האָט נישט קיין שיך, די צווייטע האָט נישט קיין קלייד, די דריטע האָט נישט קיין חתן.

מיידלעך: האָב נאָר נישט קיין מורא. וואַרט, אָט וועלן מיר דיר אויפבינדן די אויגן, ווּעסטו זען ווו דו ביסט.... (זיי בינדן אים אויף די אויגן, ער דערזעט די פאַרשידענע בילדער און ווערט דערשראָקן.)

האצמאך: (מיט אַ געשריי) טפו, ווו בין איך דאַ אַריינגעפאַלן? צווישן שלאַנגען און עקדישן.... (ער פּאַטשט מיט דער פּאַלע איבער די בילדער) אַהוש! אַהוש! קליפּות! (ער ווייזט אויף די שלאַנגען) קוק אָן אַ מויל! ער קען מיך נאָך איינשלינגען צוזאַמען מיטן קעסטעלע סחורה.... איך בין אייך שוין מוחל, גייט אייך שוין, גייט מיט אייער כישוף. כ'דאַרף שוין נישט.... דאָס הייסט, איך דאַרף יאָ, נאָר טאַקע אַן אמתן כישוף....

ערשטע: וואָס פאַר אַ כישוף דאַרפסטו, האָצמאך?

האצמאך: כ'וויל איר זאָלט מיר זאָגן, ווו מירעלע די יתומה געפינט זיך.

צווייטע: צו וואָס דאַרפסטו זי האָבן, האָצמאך?

האצמאך: גאָרנישט, זי איז מיר שולדיק געבליבן פאַר צוויי פּאָר זאָקן און איין זאָקנבענדל, וויל איך זי זאָל מיר באַצאָלן דעם חוב.

אלע: כאַ, כאַ, כאַ!....

האצמאך: וואָס לאַכט איר, וואָס? כ'זאָל אַזוי געזונט זיין מיט אייך אינאיינעם, — צוויי פּאָר זאָקן און איין זאָקנבענדל.

ערשטע: ווייסטו! וואָס כ'וועל דיר זאָגן, האָצמאך? ווו מירעלע איז, ווייסן מיר נישט, און אויב מיר ווייסן אפילו, טאָרן מיר נישט זאָגן, נאָר אויב דו ווילסט זי זען, קענען מיר זי דיר ווייזן.

האצמאך: כ'האָב פון פריער געוווסט, אַז דו ביסט אַ וווילע מיידל. ווייז זשע זי מיר טאַקע. אַזוי ווי מירעלע וועט מיך נאָר דערזען, וועט זי זיך תיכף דערמאָנען, אַז זי איז מיר שולדיק פאַר צוויי פּאָר זאָקן און איין זאָקנ־בענדל.

צווייטע: וואָס ווּעסטו געבן פאַרן ווייזן, האָצמאך?

האצמאך: דיר? אַ טוץ זאָקן, גרינע, געלע, רויטע, בלאָע, — פון אַלערליי קאָלירן.

ערשטע: און מיר?

האצמאך: דיר? — אַ טערקישן שאַל. די טערקישע מלוכה האָט עס ביי מיר פאַרזעצט. איי, אַ שיינע, די טערקישע מלכה, נאָר אַ קבצנטע, נישט פאַר אייך געדאַכט. אַ חוץ דער גילדערנער קרוין מיטן גילדערנעם טראָן, פאַרמאָגט זי גאָרנישט....

דריטע: און מיר, וואָס וועסטו געבן, האַצמאַך?

האצמאך: דיר? אַ ליטער פויגל-מילך. דו האָסט דאָך ליב פויגל-מילך, קעצעלע?

אלע: גוט, האַצמאַך! אָבער זע, האַלט וואָרט.

האצמאך: אז האַצמאַך זאָגט, איז....געזאָגט.

ערשטע: איצט שטעל דיך אַוועק פאַרן שפּיגל, האַצמאַך. אָט אַזוי....דאָס קעסטעלע לאָז ליגן אויף דער ערד....האָב נישט קיין מורא.

האצמאך: ווער האָט מורא. ווער? נאָר איך מיין, אַז ס'וועט זיין בעסער, אַז איך וועל עס האַלטן, איר פאַרשטייט?

צווייטע: מיר פאַרשטייען. אָבער בעסער איז, אַז דו וועסט עס אַוועקשטעלן איצט. — הער וואָס איך וועל דיר זאָגן. אָט דאָ, אין כישוף־שפּיגל, וועט זיך פאַר דיר באַווייזן מירעלע. דו גיב אָבער אַכטונג און רעד נישט אַרויס קיין איין וואָרט אפילו, קוים רעדסטו אַרויס איין וואָרט, פאַשווינדט זי באַלד.

האצמאך: כ'האָב געהערט, כ'האָב געהערט. לאָמיך שוין זען, וואָס איך הער.

(די מיידלעך גייען צו צום שפּיגל און זאָגן דעם שפּרוך.)

מיידלעך:

כישוף־שפּיגל,
כישוף אויס,
מירעלע, מירעלע,
קום אַרויס
אויף איין רגע,
אָדער צוויי,
שוואַרצער האָן, —
גיב שנעל אַ קריי....

(דער האָן טוט אַ קריי. מירעלע באַווייזט זיך אין שפּיגל. האַצמאַך גיט אַ געשריי „מירעלע". מירעלע פאַרשווינדט. אויף דער ערד ליגט זיין רעכטע פאה.)

ערשטע: זעסט, האָסט גערעדט, דערפאַר האָסטו פאַרלוירן אַ פּיאה.

צווייטע: איצט, האַצמאַך, גיב וואָס דו האָסט אונז צוגעזאָגט!

אלע: שנעלער, שנעלער, באַצאָל און גיי. די באָבע יאַכנע קען נאָך באַלד אָנקומען.

האצמאך: (באַטראַכט די אַראָפּגעפּאַלענע פּיאה) איצט, האַצמאַך, וועסטו שוין הינקען אויף איין פּיאה. ווייסט איר וואָס, מיידלעך, די אַלע זאַכן האָב איך אין דער היים. דערווייל לאָז איך אייך איבער אַ משכון — די רעכטע פּיאה. און ביז איך וועל זי נישט אויסלייזן, האָב איך אייך אין דער לינקער פּיאה.... (ער כאַפּט דאָס קעסטל און אַנטלויפט.)

ערשטע: האַצמאַך האָט אונז אָפּגענאַרט! אַזאַ שווינדלער! וואַרט נאַר, וואַרט! (זי הערט זיך איין) איך הער, די באָבע יאַכנע גייט. שנעל, מיידלעך, זעצט אייך אַרום קעסל! (זיי זעצן זיך אַלע אַרום קעסל און זינגען: „גיכער, גיכער, ווי אַ וויכער".)

באבע: (פון יענער זייט טיר) וואָס טוט איר? ווי גייט אייך דאָרט?

מיידלעך: (פון אינעווייניק) מיר וועלן אייך שטעלן צופרידן!

באבע: (פון דרויסן) וואָס זשע געדרויערט עס פּאָרט?

מיידלעך: (פון אינעווייניק) עס דאַרף נאָך אביסעלע זידן.

באבע: גיכערט זשע, קינדער!

מיידלעך: באַלד, באַלד!

באבע: געשווינדער, געשווינדער!

מיידלעך: באַלד, באַלד!

(די מיידלעך זינגען)

גיכער, גיכער,
ווי אַ וויכער א.א.וו.

באבע: (בעת די מיידלעך זינגען אָפּ, קומט די באָבע אַריין) קינדערלעך, גייט אַריין אין דער פינסטערער קאַמער און נעמט זיך צו אייער אַרבעט. (די מיידלעך פאַרלירן זיך אין דער טיף פונעם צימער. די באָבע יאַכנע קוקט זיי נאָך ביז זיי גייען אַוועק. דערנאָך טוט זי אַ געשריי) אליקום!!!

אליקום: (שפּרינגט אַרויס) אליקום הייס איך, אַלצדינג ווייס איך.... וואָס איז, באָבעניו?

באבע: כ'האָב דיר שוין געזאָגט, אַז איך ווייס, אַז דו הייסט אליקום און אַ פייג ווייסטו....דו זאָג מיר בעסער, צי דו ביסט געווען ביי מירעלעס שטיפּ־מאַמע.

אליקום: געווען, וואָס דען, איך בין נישט געווען, באָבעניו?

באבע: נו, זאָג שוין אַ וואָרט אליקום. וואָס האָט זי געזאָגט, אליקום?

אליקום: געזאָגט, זאָגסטו, באָבעניו. גאָרנישט האָט זי געזאָגט.

באבע: (בייז) רעד שוין, זאָג שוין אַ וואָרט, גולם!

אליקום: באָבעניו, איך הייס נישט „גולם"..אַלע ווייסן, קינד און קייט, אַז אליקום הייס איך און אַלצדינג ווייס איך.

באבע: (צאָרנדיק) דו רעדסט, וואָרום אַז נישט, פאַרכישוף איך דיך תיכף און דו ווערסט אַ חזיר.

אליקום: (דערשראָקן) ניטע, באָבעניו. פאַרכישוף מיך נישט. כ'וועל דיר אַלצדינג דערציילן.

באבע: נו, לאָמיך שוין הערן.

אליקום: כ'בין געקומען צו איר, צו דער שטיפמאַמע, הייסט עס, איז זי געזעסן מיט פאַרוויינטע אויגן. ווי נאָר זי האָט מיך דערזען, האָט זי געגעבן אַ געשריי צו מיר: אליקום, דאַכט זיך, הייסטו? האָב איך איר גע־זאָגט: יאָ, בתיה, אליקום הייס איך און אַלצדינג ווייס איך! האָט זי געזאָגט....

באבע: נו, נו, גיכער. ביז ער זאָגט אַרויס אַ וואָרט, קען חלילה קומען משיח..

אליקום: אליקום, האָט זי געזאָגט, לויף תיכף צו דער באָבע יאַכנע און זאָג איר, אַז איך האָב חרטה. יעדע נאַכט קומט מיר צו חלום מירעלע מיט פאַר־וויינטע אויגן....איך וועל עס נישט אויסהאַלטן. זאָג דער באָבע יאַכנע, אַז זי זאָל תיכף באַפרייען מירעלען.

באבע: (צעלאַכט זיך) כאַ, כאַ, כאַ! חרטה..כאַ, כאַ, כאַ!..תיכף באַפרייען מירעלען! ניין, בתיה — קרוין....דו מעגסט דיר דאָרט וויינען גע־זונטערהייט און מירעלע מעג דיר דאָרט קומען צו חלום וויפל זי וויל. — איך, די באָבע יאַכנע, וועל מיר טון מיינס. (זי גיט אַ קוויטש) אליקום!

אליקום: האַ? וואָס, באָבעניו?

באָבע: ביסט געוועזן ביים ציגיינער, ביי לייע דעם ציגיינער, און האָסט מיט אים גערעדט?

אליקום: יאָ, באָבע יאַכנע. איך בין צו אים אַריינגעקומען אין זיין כאַטע, איז ער געזעסן און געשפּילט אויף זיין פידל. האָב איך אים געזאָגט: לייע דו הערסט? האָט ער מיך געפרעגט: ווער ביסטו? האָב איך אים געזאָגט: אליקום היים איך, אַלצדינג ווייס איך. האָט ער....

באָבע: שוין ווידער אַמאָל „אליקום היים איך" — באַלד, באַלד ווערסטו ביי מיר פאַרוואַנדלט אין אַ חזיר....

אליקום: ניטע, ניטע, באָבעניו....כ'האָב אים געפרעגט, צי ער וויל קויפן אַ מיידל, וואָס קען זינגען, האָט ער געזאָגט, אַז יאָ, אָבער נישט פאַר טייער. ער לאָזט זיך נאָך היינט איבער דער וועלט און ביז ער וועט קומען קיין סטאַמבול וועט געדויערן.... (מען הערט קלאַפּן. אליקום און

די באָבע יאַכנע גיבן זיך אַ טרייסל.)

ביידע: ווער קלאַפּט? ווער קלאַפּט?

ציגיינער: איך, לייע דער ציגיינער, קלאַפּט.

באָבע: אליקום, צי אָפּ, און אַז כ'וועל אַ רוף טון, זאָלסטו אַראָפּקומען מיט מירעלען.

אליקום: יאָ באָבעניו. (מאַכט אַ קאָזשעליק) אליקום היים איך אַלצדינג ווייס איך!

(גייט אָפּ. די באָבע עפנט די טיר. דער ציגיינער קומט אַריין.)

ציגיינער: „דזשען דאָברי", באָבע יאַכנע. כ'האָב געהערט, דו האָסט אַ מיידל, וואָס דו ווילסט פאַרקויפן.

באָבע: יאָ, לייע....אַ מיידל....מירעלע הייסט זי.

ציגיינער: זי קען זינגען?

באָבע: זי קען זייער שיין זינגען.

ציגיינער: אָבער, באָבע יאַכנע, געדענק, איך בין אַן אָרעמער ציגיינער. כ'האָב נישט קיין סך געלט.

באָבע: איך דאַרף נישט קיין געלט, לייע. איך גיב זי דיר אַוועק אַזוי! נאָר געדענק, דו זאָלסט זי היטן, ווי דאָס אויג אין קאָפּ, זי זאָל חלילה נישט אַנטלויפן. זי איז אַ ווילדע ציג, געדענק, לייע!

ציגיינער: ביי מיר וועט זי שוין נישט אנטלויפן, באָבע יאכנע. איך וועל אויף איר אכטונג געבן. איך וועל מיט איר גיין איבער די שענקען און קאַפע-הייזער, איך וועל שפּילן און זי וועט זינגען....

באָבע: אויב דו וועסט אכטונג געבן, אַז זי זאָל נישט אנטלויפן, איז גוט.... אַט תיכף היים איך זי אַראָפּברענגען. זאָג מיר נאָר, ווען האָסטו בדעה אַפּצופאָרן פון דאַנען?

ציגיינער: נאָך היינט אויף דער נאַכט, באָבע יאכנע!

באָבע: גוט. (רייבט זיך די הענט) אליקום! אליקום!

(אליקום פירט אַרויס מירעלען פונעם סעקרעטנעם צימער. זיי בלייבן שטיין אויף די טרעפּ.)

באָבע: (זיס) קום, מירעלע, קום, קעצעלע!

אליקום: (קרימט נאָך) קום, קעצעלע, וועסט באַקומען אַ פּלעצעלע....

(דער ציגיינער רייבט זיך די הענט צופרידן. אליקום פירט אַראָפּ מירעלען פון די טרעפּ.)

מירעלע: (דערזעט דעם ציגיינער) ווער איז ער? וואָס וויל ער?

באָבע: ס'איז לייע דער ציגיינער, אַ ווויִלער מענטש. פון היינט אָן וועסטו זיין ביי אים.

מירעלע: כ'וויל נישט!

באָבע: אַז מען וועט דיך פרעגן, צי דו ווילסט, צי דו ווילסט נישט, דעמאָלט וועסטו ענטפערן. דערווייל הייסט מען דיר און דו מוזט פאָלגן. (זי רופט אליקומען) אליקום, ווו ביזטו?

אליקום: יאָ. וואָס ווילסטו, באָבע יאכנע?

באָבע: ברענג תיכף אַריין אירע זאַכן. (אליקום פליט אַריין אין צימער און קומט תיכף צוריק מיט אירע זאַכן.)

אליקום: (גיט דאָס פּעקל מירעלען) נאָ, נעם און פאַרגעס נישט, ווי איך היים.. געדענק, אַז אליקום היים איך און אַלצדינג ווייס איך. (מאַכט אַ קאָ-זשעליק.)

באָבע: (צום ציגיינער) נו, זי געפעלט דיר, לייע?

ציגיינער: (לאַכט) יאָ, זי געפעלט מיר.

מירעלע: (וויינט) כ'וויל נישט....כ'וויל נישט....לאָז מיך שוין בעסער בלייבן דאָ....

באבע: מען פרעגט ביי דיר נישט קיין עצות. לייע, נעם זי און פאָר מיט איר ווו דו ווילסט, נאָר דאָ זאָל זיך דיין געביין נישט געפינען, הערסט?

ציגיינער: כ'הער, באָבע יאכנע. איכ'ל אַלץ טון ווי דו הייסט. (צו מירעלען) קום!

(מירעלע שטייט אויפן אָרט.)

באבע: (גיט איר אַ שטויס) גיי, אַז מען הייסט דיר!

(מירעלע פאַלט נעבן דעם ציגיינערס פיס. דער ציגיינער העלפט איר אויפ־שטיין.)

מירעלע: (וויינט) באָבע יאכנע....כ'וויל נישט....כ'וויל נישט....

אליקום: שאַ, רעד נישט קיין סך, דו כלב'טע!

באבע: (שטרענג) גיי, אַז מען הייסט דיר!

ציגיינער: (נעמט זי ביי דער האַנט) קום!

באבע און

אליקום: גיי!!!

(בעת דער ציגיינער שלעפט מירעלען, באַווייזן זיך די מיידלעך אין דער טיף פונעם צימער. זיי זינגען: „גיבער, גיבער". ווען מירעלע גיט דעם לעצטן געשריי „אוי!", פאַלט דער פאָרהאַנג.)

סוף פון צווייטן אקט

דריטער אַקט

ערשט בילד

(אַ וועג. אין מיטן וועג אַ בוים. האַצמאַך קומט צו רייטן אויף אַ הילצערן פערד.)

האַצמאַך: וויאָ, פערדעלע! וויאָ, אָדלערל! וויאָ, לאַשעקל! טראָג האָצמאַכן קיין סטאַמבול! דאָס האַרץ זאָגט אים אַז דאָרט אין סטאַמבול וועט ער געפינען מירעלען און, אַז ער וועט געפינען מירעלען, וועט שוין זיין גוט. וואָס זאָג איך, גוט? נאָך בעסער פון גוט. נאָך בעסער פון בעסער. וואָס, דו גלויבסט נישט? פאַרוואָס גלויבסטו נישט, פערדעלע? דו שווייגסט, חכם אײנער, ווילסט נישט זאָגן פאַרוואָס. נו, וועל איך דיר דערציילן. נאָר דו מוזט מיר געבן אַ פוס, אַז דו וועסט קיינעם נישט אויסזאָגן. גוט, אָפגעמאַכט? הער־זשע, אַז איך וועל געפינען מירעלע די יתומה, וועט זי מיך אויסלערנען דעם כישוף-ניגון. און אַז איך וועל קענען דעם כישוף־ניגון, וועט מיר זיין וווּיל ווי די וועלט און דיר אויך, אָדלערל מיינס. וועסט ביי מיר עסן גילדערן היי און זילבערן שטרוי, דריי מאָל אַ טאָג. (ער גייט אַראָפ פונעם פערד) איך זע, אַז די ביסט מיד, אָדלערל. ס׳טוען דיר ווי מיינע פיס. נישקשה, נישקשה, מיר וועלן נאָך אָניאָגן, אָנקומען באַצייטנס קיין סטאַמבול. דערווייל וועט זיין אַ יושר, אָדלערל מיינס, דו זאָלסט עפּעס נעמען אין מויל אַריין, זיך אָנפּאַשען, ווי אין פסוק שטייט און איך, האָצמאַך, וועל אויך כאַפּן אַ דרימל. (ער קוקט זיך אום) אָט, אָט־דאָ, אונטערן בוים. (ער שטעלט אַוועק דאָס פערד אין אַ ווינקל, ס׳זאָל זיך פּאַשען און אַליין ליגט ער זיך אַוועק אונטערן בוים. פייגל צוויטשערן די גאַנצע צייט. האָצמאַך ווערט אַנטשלאָפן און ס׳קומען אים צו חלום די דריי טעכטער. אײנע אין אַ ביי קלייד, די צווייטע מיט גייע שיך און די דריטע מיט אַ חתן, אַ הילצערנעם מאַנעקין מיט אַ שטרויענעם קאַפּעלוש, די טעכטער זינגען.)

ערשטע: (זינגט)

זע דאָס קליידל, טאַטעשי,
די סאַמע לעצטע מאָדע!
אַזוינס פאַרמאָגט נישט, טאַטעשי,
די פרוי פון וואַיעוואָדע.
אַזוינס פאַרמאָגט נישט, טאַטעשי,
די פרוי פון וואַיעוואָדע.

אַלע: אוי ווי שיין, אוי ווי שיין,
מלא טעם און מלא חן!
אין אַ קליידל, אַזאַ קליידל, —
קען מען כ׳לעבן טאַנצן גיין!

(זיי טאַנצן)

צווייטע: זע די שיכעלעך, טאַטעשי,
פון סאַמע בעסטן לעדער,
אַזוינע שיכעלעך, טאַטעשי,
האָט דאָך נישט אַ יעדער.
אַזוינע שיכעלעך, טאַטעשי,
האָט דאָך נישט אַ יעדער.

אַלע: אוי ווי שיין, אוי ווי שיין,
מלא טעם און מלא חן!
אין אַזוינע שיינע שיכעלעך,
קען מען כ׳לעבן טאַנצן גיין!

(זיי טאַנצן)

דריטע: זע דעם חתן, טאַטעשי,
וואָס איך האָב באַקומען,
מיר האָבן זיךביים פאָטאָגראַף
שוין אָראָפּגענומען.
מיר האָבן זיך ביים פאָטאָגראַף
שוין אָראָפּגענומען.

אַלע: אוי ווי שיין, אוי ווי שיין,
מלא טעם און מלא חן!
מיט אַ חתן, אַזאַ חתן, —
קען מען כ׳לעבן טאַנצן גיין!

(זיי טאַנצן יעדע באַזונדער און אַלע צוזאַמען, ביז זיי פאַרשווינדן.)

האַצמאַך: (כאַפּט זיך אויף, רייבט זיך די אויגן) וווּ זענען זיי? איי, אַ שיינער חלום, אַ גאָלדענער חלום! אַלע מיינע טעכטער האָבן שוין, וואָס זיי באַדאַרפן, איינע אַ קלייד, די צווייטע אַ פּאָר שיך. די דריטע — אַ חתן. (ער גיט זיך אַ קלאַפּ אין שטערן) ס׳אַ גוטער חלום, האַצמאַך, אַ גוטער סימן. איידער דו האָסט נאָך דעם כישוף־ניגון, האַצמאַך, האָסטו שוין פאַרזאָרגט דיינע טעכטער אין חלום.... און אַז דו וועסט באַקומען דעם כישוף־ניגון, — וועט אַלצדינג זיין אויפן רעכטן אמת.

(ער ווערט ווייטער אַנטשלאָפֿן אונטערן בוים. ס'באַווייזט זיך זיין טויט ווייב, (דאָס מאָל — אָן דעם וואַלגערהאָלץ.)

ווייב: (זינגט)

האַצמאַך גאָלד, האַצמאַך קרוין,
זיסער, ליבטיקער פֿאַרשוין, —
האָסט די קינדערלעך פֿאַרזאָרגט
און קיין גראָשן נישט געבאָרגט,
נישט געבאָרגט, —
האַצמאַך, האַצמאַך קרוין!

האַצמאַך גאָלד, האַצמאַך קרוין,
מיינע טעכטער האָבן שוין
שיך, אַ חתן און אַ קלייד!
זע, די מאַמע טאַנצט פֿאַר פֿרייד,
טאַנצט פֿאַר פֿרייד, —
האַצמאַך, האַצמאַך קרוין!

(זי טאַנצט אַ פֿריילעכן טאַנץ און ווערט פֿאַרשווונדן.)

האַצמאַך: (כאַפּט זיך אויף) ווו איז זי? אָט — אָט ערשט איז זי דאָ געווען, מיין ווייב ביילע און — אָן אַ וואַלגערהאָלץ! נאָך אַ מאָל אַ גוטער סימן, האַצמאַך. דיין ווייב ביילע איז דיר געקומען צו חלום אָן אַ וואַלגער־האָלץ. און ווי זים זי האָט צו מיר גערעדט: „האַצמאַך גאָלד, והאַצמאַך קרוין!". אַזעלכע ווערטער האָב איך פֿון איר נישט געהערט ביי איר לעבן און נאָכן טויט — אוודאי און אוודאי נישט. ס'איז אַ גוטער סימן, האַצמאַך. ס'איז גוט, וואָס דו האָסט זיך געלאָזט אין וועג אריין זוכן מירעלען מיטן כישוף־ניגון. ס'דאַרף דיר נישט באַנג טון, האַצמאַך, פֿאַרקערט, — דו דאַרפֿסט זיך פֿרייען, האַצמאַך, טאַנצן אין די גאַסן, וואָס דיינע טעכטער זענען אויסגעקליידט — כאָטש אין חלום — און וואָס דו הערסט אַזוינע גוטע ווערטער פֿון דיין ווייב, — כאָטש אין חלום.... (האַצמאַך ווערט ווייטער אַנטשלאָפֿן. ער זעט אין חלום, ווי דער ציגיינער פֿירט מירעלען ביי דער האַנט. מירעלע האַלט זיך קוים אויף די פֿיס.)

מירעלע: לאָז מיך אביסל אָפּרוען, לייע. כ'האָב שוין קיין כוח נישט צו גיין.

ציגיינער: אָפּרוען וועסטו זיך שוין אין סטאַמבול, קום!

מירעלע: זעסט דאָך, אַז איך פֿאַל פֿון די פֿיס, לייע.

ציגיינער: נישקשה, נישקשה, ס'וועט דיר גאָרנישט זיין....

מירעלע: כ'האָב נאָך היינט אפילו אין מיין מויל נישט גענומען. דאָס האַרץ חלש'ט מיר.

ציגיינער: וואָס מיינסטו, אַז איך בין אַ כּראַביע, צי וואָס? ווען ס'וועט זיך דיר פאַרגלוסטן, וועל איך דיר געבן צו עסן? איך בין אַן אָרעמער ציגיינער. איך פאַרדין מיר מיין שטיקל ברויט מיט דעם, וואָס איך שפּיל מיר אויפן פידל. איצט, אַז מיר וועלן קומען קיין סטאַמבול צו די טערקן מיט די רויטע מיצעלעך און איך וועל שפּילן און דו וועסט זינגען, וועלן מיר פאַרדינען אַ סך געלט און מיר וועלן האָבן יעדן טאָג צו עסן.

מירעלע: ס'איז נאָך ווייט קיין סטאַמבול, לייע?

ציגיינער: ניין, ס'איז שוין נישט ווייט. נאָך אַ טאָג אָדער צוויי און מיר וועלן שוין זיין אין סטאַמבול.

מירעלע: לייע, ווייסט, וואָס כ'וועל דיר זאָגן, אויב דו וועסט מיר איצט געבן אַ שטיקל ברויט צו עסן, וועל איך דיך אויסלערנען אַ שיינע זאַך.

ציגיינער: נאָך אַ מאָל רעדסטו מיט מיר וועגן ברויט? דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב נאָך אינגאַנצן אַ האַלבן ברויט און דאָס מוז שוין קלעקן ביז סטאַמבול.

מירעלע: אַ קליין, קליין שטיקעלע ברויט — און איך וועל דיך אויסלערנען אַ ניגון.

ציגיינער: אַ ניגון?....כאַ, כאַ, כאַ! אַ ניגון? דו וועסט מיך אויסלערנען אַ ניגון מיך, לייע דעם ציגיינער, וועסטו אויסלערנען אַ ניגון? — כאַ, כאַ, כאַ!

מירעלע: וואָס לאַכסטו, לייע? איך מיין עס אויף אַ רעכטן אמת. אויב דו גיסט מיר אַ שטיקל ברויט, לערן איך דיך אויס אַ ניגון, אַ שיינעם, זייער אַ שיינעם ניגון.

ציגיינער: גיי שוין, גיי — איצט זע איך, אַז דו ביסט אַ נאַר. מיר, ציגיינערס, האָבן אַזויפיל שיינע ניגונים, אַז די גאַנצע וועלט קומט זיך צו אונז לערנען. — ווילסטו מיך אויסלערנען אַ ניגון? כאַ, כאַ, כאַ!

מירעלע: איך ווייס, אַז די ציגיינערס האָבן אַ סך שיינע ניגונים, אָבער מיין ניגון איז נאָך שענער. ער איז אַ כּישוף־ניגון

ציגיינער: אַ כּישוף ניגון? — לאָמיך אים הערן.

מירעלע: גיב מיר אַ שטיקל ברויט, וועל איך דיר אים זינגען.

ציגיינער: (נעמט אַרויס פון דער טאָרבע דאָס ברויט, שניידט אָפּ מיטן מעסער אַ שטיקל און גיט עס מירעלען) נאַ, נעם — און איצטער זינג דעם כּישוף־ניגון.

מירעלע: (מיטן שטיקל ברויט אין די הענט, זינגט דעם ניגון. דער ציגיינער טאנצט צו צום טאקט. נאכדעם, ווען זי האט געענדיקט) שיין, לייע? א יא, ס'איז א שיינער ניגון?

ציגיינער: (פרייליך) יא, מירעלע, ס'איז א שיינער ניגון. מיט דעם ניגון וועלן מיר פארדינען א סך געלט אין סטאמבול, קום! (ער נעמט זי ביי דער האנט און זיי גייען אוועק.)

האצמאך: (כאפט זיך אויף) אזוי הייסט דאס....זיי קענען טאקע אוועק קיין סטאמבול! מיין הארץ האט מיר אבער געזאגט, אז זיי מוזן זיין אין סטאמבול. האצמאך, ביסט א געמאכטער מענטש. זעץ דיך אויף אויפן פערד און — וויא. קיין סטאמבול! (ער גייט צו צום הילצערנעם פערדל) נו, חכם מיינער, האסט זיך שוין אנגעגעסן מיט גראז, אונטערגעלענט זיך דאס הארץ, אדלערל? איצט וועלן מיר זיך לאזן ווייטער אין וועג אריין, קיין סטאמבול. (ער זעצט זיך אויפן פערד. אין דער רגע פליען אריין פון צוויי פארשידענע זייטן די אנדערע צוויי האצמאכס, זיי שטויסן זיך צוזאמען.)

2-ר האצ.: טפו זאלסט עס ווערן! פון וואנען לויפסטו עס אזוי, האצמאך?

דריטער: און דו, האצמאך, פון וואנען קומסטו עס צו פליען?

צווייטער: פרעג שוין נישט, ברידערל, פרעג שוין נישט. כ'בין געווען אין דלפון־מארק, אויפן יריד, געמיינט, אז כ'וועל עפעס לייזן, פארדינען א פאר גראשן. דו ווייסט דאך, אז כ'האב דריי טעכטער, וואס איינע דארף א קלייד, די צווייטע א פאר שיך, די דריטע — א חתן. (גיט א זיפץ) און צום סוף האב איך קיין גראשן נישט פארדינט. וואס זאג איך, א גראשן, — אפילו נישט קיין צעבראכענעם דרייער....

דריטער: און מיט מיר, האצמאך, איז אויך די אייגענע מעשה....גאנץ פרי בין איך אוועק אויפן יריד קיין....(דערזעט האצמאכן אויפן פערד) זע נאר, זע, וואס טוסטו דא, האצמאך? און ווו האסטו גענומען דאס פערד?

האצמאך: דאס פערד ווו איך האב גענומען? דאס פערד האב איך גענומען.... — וואס איז עס דיין עסק, האצמאך?

צווייטער: דו מיינסט, אז דו ביסט שוין אויפן פערד, האצמאך, טארסטו שוין נישט ענטפערן א חבר, אז ער פרעגט דיך עפעס?

דריטער: ער איז טאקע גערעכט, כ'זאל שוין האבן אזא יאר....

צווייטער: ער מיינט טאקע, אז מען ווייסט נישט, אז ער האט צו טון מיט כישוף־מאכערינס....

דריטער: כ'האב אים אליין געזען ארויסלויפן פון דער באבע יאכנע.

צווייטער: (גיט זיך א קלאפ אין שטערן) כ'פארשטיי שוין, כ'פארשטיי שוין, — דאס האט אים די באבע יאכנע געגעבן דאס פערדל....

דריטער: איין האצמאך וויל אפנארן א צווייטן. נישטא אזוינס, האצמאך! געדענק!

האצמאך: (צעטומלט) ווער וויל אייך אפנארן? וואס רעדט איר, וואס? איר רעדט סתם אין דער וועלט אריין, אבי גערעדט.

דריטער: פון וואנען זשע האסטו גענומען דאס פערד, האצמאך?

צווייטער: וואס גלאצסטו מיט די אויגן, וואס? פארוואס ענטפערסטו נישט, האצמאך?

האצמאך: (איז די ערשטע רגע צעטומלט, דערנאך אנטשלאסן) אז איר לאזט נישט אויסרעדן קיין ווארט, לאזט איר נישט און און איר ווילט, מען זאל אייך ענטפערן, ווילט איר?

2טער און
דריטער: רעד, זאג, ענטפער, — אבער צו דער זאך, האצמאך!

האצמאך: הערט זשע זיך צו מיט קאפ. אזא יאר אויף מיר, סארא חכמים איר זענט און ווי איר האט געטראפן. איך פאר טאקע וועגן א געשעפט.

צווייטער: כ'האב אבער תיכף געוווסט, אז ס'גייט דא וועגן א געשעפט.

דריטער: און וועגן א גרויס געשעפט! צוליב קליינע געשעפטלעך זעצט זיך נישט קיין האצמאך אויפן פערד.

האצמאך: איך בין געוואר געווארן, אז ס'איז דא צו קויפן נאפאלעאנס היטל, וואס זעט אויס ווי א המן־טאש און זיין מונדיר, ווען ער איז נאך געווען א קאפראל.

2טער און
דריטער: מיר זענען שותפים!!!

האצמאך: מען קען דערפון רייך ווערן ווי ראטשילד.

2טער און

דריטער: מיר זענען שותפים!!!

האצמאך: און אזוי ווי איך בין געוואָר געוואָרן, אז פּיניע ברענהאָלץ דאַרף האָבן צען פּאָר זאָקן און אַכט פּאָר מאַנזשעטן.... איר פאַרשטייט.... און איין האָצמאַך אויף צען ירידים איז נישטאָ....

צווייטער: איז לויף איך תיכף צו פּיניע ברענהאָלץ! (ער לויפט אַוועק.)

האצמאך: כ'בין אַ שותף!

דריטער: איך אויך!

האצמאך: (צום דריטן).. און זלאַטע די אַלמנה דאַרף האָבן לייוונט, פאַרשטייסט?

דריטער: כ'פאַרשטיי, כ'פאַרשטיי. לייוונט דאַרף זי....איך בין שוין ביי איר! (אָפּ.)

האצמאך: (לאַכט) כאַ, כאַ, כאַ! כ'בין אַ שותף! כאַ, כאַ, כאַ! (ער זעצט זיך צוריק אַרויף אויפן פערד) וויאָ, אָדלערל! וויאָ, פערדעלע! אַ מכה וועלן זיי ווייסן, אז מיר פאָרן קיין סטאַמבול זוכן מירעלען מיטן כישוף־ניגון..

(זינגט) וויאָ, אָדלערל, וויאָ,
שטיי נישט און טראַכט,
זעסט דאָך, אַז באַלד
פאַלט צו די נאַכט.

קיין סטאַמבול איז ווייט,
זע, פאַרליר נישט קיין צייט....
וויאָ, פערדעלע, וויאָ! —
און האָצמאַך רייט.

רעפרען: וויאָ, אָדלערל, וויאָ!
פלי גיכער, געשווינד!
זאָל זיך מיר דאַכטן,
אַז דו ביסט דער ווינט....
זאָל זיך מיר דאַכטן,
אַז דו ביסט דער ווינט....

(שטערן צינדן זיך אָן איבערן בוים. האָצמאַך רייט אַרויס אויפן פערד.)

צווייט בילד

(אַ גרויס קאַפע־הויז אין סטאַמבול. אויף אַ גרויסן דיוואַן זיצן טערקן. אַ טייל רויכערט נארגילעס, אַ טייל זיצט ביי טישלעך און טרינקט קאַווע, לייענט צייטונגען, אָדער שפּילט אין קאָרטן. קעלנערס דרימלען נעבן בופעט. די טערקן זינגען.)

געסט: קעלנערס, וואָס שטייט איר ווי גולמס,
דערלאַנגט שוין די קאַווע אַהער!

קעלנערס: וואַרטס נאָר אַ ווײַלע, מיר האָבן
דערווײַלע צוויי פיס און נישט מער.

גאַסט: ווער פון די קעלנערס ברענגט מיר
אַ צייטונג אַהער צו מיין טיש, —
דער באַקומט פון מיר תיכף
אַ שיינעם און פיינעם באַקשיש.

(אַלע קעלנערס לויפן מיט אַמאָל מיט צייטונגען צו יענעם טישל.)

צווייטער: ווער פון די קעלנער ס'ברענגט מיר
די קאַווע שנעל צו מיין טיש, —
דער באַקומט פון מיר תיכף
אַ שיינעם און פיינעם באַקשיש.

(אַלע קעלנערס לויפן צו מיט שעלעכלעך קאַווע.)

געסט: קעלנערס, וואָס שטייט איר ווי גולמס,
דערלאַנגט די נארגילעס אַהער!

קעלנערס: וואַרטס נאָר אַ ווײַלע, מיר האָבן
דערווײַלע צוויי פיס און נישט מער.

(זיי געניצן פויל.)

(ס'קומט אַריין אַן אַקראָבאַט. מאַכט פאַרשידענע אַקראָבאַטישע שטיק. דערנאָך גייט ער אַרום מיט אַ טעלערל פון טיש צו טיש און זאַמלט געלט. אַ קונצנ־מאַכער קומט אַריין, באַווייזט פאַרשידענע קונצן, זאַמלט געלט מיט אַ טעלערל. עס קומט אַריין אַ ציגיינער, וואָס טאַנצט. אין מיטן דעם טאַנצן פון ציגיינער, קומט אַריין האַצמאַך. קוקנדיק אויפן ציגיינער, טאַנצט ער אויך אונטער צו ביסלעך, דערנאָך גייט ער צו צו די טישלעך און זינגט גאָלדפאַדנס ליד.)

האצמאך: קויפט זשע, קויפט, דייטשעלעך,
שטעקעלעך, בייטשעלעך,
קלויבט אייך אויס, וואָס אייך געפעלט:
פעדערן שטאָלענע,
הענטלעך געמאָלענע,
טריוואָקס — גאָר איינס אין דער וועלט;
ביכלעך, נאָטיצן,
ציגאַר־שפּיצן,
אייך צוליב — נעמט פאַר האלב געלט!

עולם: (לאַכט אים אויס) דיין רעדן איז פוסט,
דיין טענה'ן אומזיסט,
אומזיסט איז דיין טאַנצן, דיין לויפן;
דויל קיין קאָפּ, דויל נישט,
מען דאַרף נישט, מען וויל נישט, —
מען האָט ביי דיר נישט וואָס צו קויפן!

האצמאך: (גייט צו צו אַ צווייטן טישל.)
קויפט, פיינע לייטעלעך,
מעסערלעך, בייטעלעך, —
קלייבט אייך אויס וואָס אייך געפעלט;
געשטיקטע פאַנטאָפעלעך
און אויערלעפעלעך,
ציין־שטעכערס — איינס אין דער וועלט;
קנעפּלעך מיט דימענטן,
לעדערנע רימענטן, —
אייך צוליב — נעמט פאַר האלב געלט!

עולם: דיין רעדן איז פוסט א.א.וו.

האצמאך: (ביי אַ דריט טישל)
קויפט אייך פאַר מיידעלעך
שפּילקעלעך, נעדעלעך,
קלייבט אייך אויס, וואָס אייך געפעלט;
זייפעלעך, שוועמעלעך,
בערשטעלעך, קעמעלעך,
מאַנדל־אייל — איינס אין דער וועלט;
אויך גאַנצע פעקעלעך,
טיכעלעך, זעקעלעך, —
אייך צוליב — נעמט פאַר האלב געלט!

עולם: דיין רעדן איז פוסט א.א.וו.

האצמאך: (קוקט זיי אָן בייז)
שאַט נאַר, אָן געוואַלד,
איך גיי אַוועק באַלד, —
איך מעג שוין פון דאַנען אַנטלויפן;
איך דערקען אין זייער פּנים,
אַז זיי זענען קבצנים,—
זיי האָבן פאַר וואָס נישט צו קויפן....

האצמאך: איך זע שוין אויף קלאָר, אַז ביי די רויטע יאַרמולקעס וועל איך לייזן אַ פייג, נישט קיין געלט. און מירעלען זעט מען נישט....איך בין שוין אויסגעוועזן, ווו די שטאָט האָט אַן עק.—איז דאַרף מען גיין, האָצמאַך! (ער דערזעט איינעם ביי אַ טישל אַנגעטון אין אַ טערקיש מיצל) לאָמיך נאָך צוגיין צו דער דאָזיקער רויטער יאַרמולקע, אפשר וועט ער עפּעס קויפן. (ער גייט צו צום טישל) מיין ליבער הער, אפשר וועט איר עפּעס קויפן?
איר זעט די דאָזיקע טאַבאַטשניצע? — איך וועל זי אייך פאַרקויפן פאַר שפּאָט־ביליק, כאָטש זי קאָסט מיר אַליין טייער. קוקט אייך גוט צו צו דער טאַבאַטשניצע, זי איז פון ביין, פונעם מאַרך־ביין פון דעם שור הבר....קוקט אייך צו, מיין הער, איר זעט די טאַבא....(ער קוקט אים אין פּנים) טפו, זאָלסטו ווערן....דו ביסט עס....האָצמאַך, ווי קומסטו אַהער, האָצמאַך? ביסט גאַר געוואָרן אַ טערק, האָצמאַך?

2־ר האצ.: פסס....שריי נישט אַזוי הויך, האָצמאַך....זעסט דאָך, אַז איך בין אַ טערק.

האצמאך: וואָס ס'האָט זיך מיר געחלומט די נאַכט און יענע נאַכט....האָצמאַך אַ טערק....וואָס זאָגסטו נישט צו אים?....

2־ר האצ.: כ'האָב דיך דאָך געבעטן, דו זאָלסט נישט שרייען אַזוי הויך, האָצמאַן.. דו געדענקסט, דענסטמאָל אויפן וועג, ווי דו האָסט מיך און דעם אַנדערן האָצמאַך אָפּגענאַרט. אַז איך בין אַהיימגעקומען אָן אַ גראָשן, האָבן מיינע טעכטער געמאַכט אַזעלכע געוואַלדעס, אַז איך האָב ביי זיך געשוואָרן, אַז איך וועל אַוועק קיין סטאַמבול און ווערן אַ טערק.

האצמאך: נו, און יענער האָצמאַך?

צווייטער: יענער האָצמאַך איז געבליבן אין דער היים. שייך, מען קען דאָך נישט לאָזן אַ שטאָט אָן אַ האָצמאַך....

האצמאך: אַ רויטע יאַרמולקע, זע איך, האָסטו שוין....נו, און פּרנסה האָצמאַך?

צווייטער: פרנסה? וואָס רעדסטו וואָס? ווען איך וואָלט געהאַט פּרנסה, וואָלט איך דאָך קיין האַצמאַך נישט געווען....

האַצמאַך: צו וואָס זשע האָט דיר געטויגט, דו זאָלסט ווערן אַ טערק?

צווייטער: וואָס פאַרשטייסטו נישט, האַצמאַך? — פריער, אַז איך בין געווען אַ ייד, איז דער יידישער האַצמאַך געשטאָרבן פאַר הונגער, איצט בין איך אַ טערקישער האַצמאַך — שטאַרבט, הייסט עס אַן אַנדערער.... וואָס זשע אַרט עס מיך, אַז אַ טערקישער האַצמאַך שטאַרבט אויך אַביסל פאַר הונגער? נישקשה, נישקשה.... זאָלן זיי אויך וויסן, די טערקן....

האַצמאַך: ביסט אַ חברה־מאַן, האַצמאַך. כ'האָב פון תמיד אַן געוווסט, אַז דו האָסט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס.... (ער זעצט זיך אַוועק נעבן זיין טישל און הייסט זיך דערלאַנגען אַ גלאָז קאַווע. בעת ער שמועסט שטילערהייט מיטן אַנדערן האַצמאַך, קומט אַריין מירעלע, טערקיש אָנגעטאָן. הינטער איר גייט דער ציגיינער....מירעלע זינגט און דער ציגיינער שפּילט אויפן פידל.)

מירעלע: (זינגט דעם כישוף ניגון עטלעכע מאָל. דאָס גאַנצע קאַפע־הויז לעבט אויף, אפילו די דרימלענדיקע קעלנערס עפענען די אויגן און גלאָצן.)

האַצמאַך: (זיצט ביים טישל מיטן צווייטן) אַ באַקאַנטער ניגון....הא?....ווו האָב איך אים געהערט? כ'דערמאָן זיך....איך דערמאָן זיך....איך איך האָב זיך שוין דערמאָנט....ס'איז דער כישוף....(פאַרמאַכט מיט דער האַנט דאָס מויל.)

צווייטער: וואָס בולבעסטו עפּעס מיט דער צונג?..רעד קלאָרע ווערטער..לאָמיך פאַרשטיין, וואָס דו ווילסט....וואָס האָסטו עפּעס געזאָגט ניגון.... כישוף..— זאָג, האַצמאַך!

האַצמאַך: גאָרנישט, האַצמאַך, ס'האָט זיך דיר געחלומט. כ'לעבן, ס'האָט זיך דיר געחלומט....

(דער ציגיינער גייט אַרום מיטן מיצל פון טישל צו טישל. בעת ער שטעלט זיך אָפּ ביי יעדן טישל, גייט האַצמאַך צו צו מירעלען, וואָס איז שטיין גע־בליבן אין מיטן זאַל.)

האַצמאַך: (גיט אַ געשריי) מירעלע!

מירעלע: האַצמאַך! דו ביסט עס, האַצמאַך?

האַצמאַך: כ'האָב אָבער געוווסט, אַז איך וועל דיך געפינען, מירעלע. פון זינט דו ביסט מיר געקומען צו חלום....

מירעלע: (ווערט טרויעריק) יאָ, דו האָסט מיך געפונען, האַצמאַך. אָבער אַוועק פון דאַנען קען איך סיי ווי נישט, דער ציגיינער היט מיך ווי דאָס אויג אין קאָפּ.

האַצמאַך: (פאַרטראַכט) דער ציגיינער!..וואַרט נאָר אַ רגע..אַהאַ, כ'האָב עס, כ'האָב עס, מירעלע....

מירעלע: וואָס, וואָס, האַצמאַך?

האַצמאַך: נישט געזאָרגט זיך, מירעלע, — ס'וועט זיין גוט..דו זינג דערווייל נאָך אַ לידל, אַז דער ציגיינער וועט צוקומען צו מיין טישל, וועל איך אים פאַרדרען די ציין. די מלאכה קען האַצמאַך..און אין דער צייט, וואָס איך וועל מיט אים רעדן, וועסטו זיך אַרויסשאַרן פון דאַנען און דו וועסט אויף מיר וואַרטן נעבן דער רויטער מיל, וואָס שטייט נעבן רויטן טייך, ביי דער רויטער בריק..(האַצמאַך גייט צוריק צום טישל, ווו ס'זיצט דער צווייטער האַצמאַך. דער ציגיינער קומט צוריק צו צו מירעלען.)

ציגיינער: מירעלע, דעם עולם געפעלט דאָס לידל. זיי ווילן עס הערן נאָכאַמאָל.

געסט: נאָכאַמאָל, יאָ, נאָכאַמאָל, ציגיינער!!

(מירעלע זינגט נאָכאַמאָל דאָס ליד. דער ציגיינער גייט נאָכאַמאָל פון טישל צו טישל, ביז ער שטעלט זיך אָפּ נעבן ביידע האַצמאַכס.)

ציגיינער: גיט עפּעס, מיינע הערן, פאַרן ציגיינער לייע און זיין שיינער טאָכטער.

האַצמאַך: אַזוי, ס'איז דיין טאָכטער, ציגיינער? אַוואַ, טאַקע אַ שיינע טאָכטער האָסטו! פאַרוואָס זשע קויפסטו נישט עפּעס פאַר איר, ציגיינער? אָט נאָזטיכלעך, אַ שטייגער, הענטשקעס, זאָקן, שפּיגעלעך....(פּאַקט אויף די סחורה.)

צווייטער: וואָס רעדסטו מיט אים, ציגיינער? — מיט מיר רעד! ער האָט סאַמע אַלטגעבאַקענע סחורה. ביי מיר וועסטו טרעפן שפּיגעלעך — ערשט פון דער פאַבריק, זאָקנבענדלעך — גאָר אַן אַנטיק, זיידענע הענטשקעס — קויף און זאָל זיין מיט גליק....

ערשטער: דו, דו רויטע יאַרמולקע, דו באַווייזט שוין ווידער דיינע פוילע שטיק?

ציגיינער: (רייסט זיך פון זיי, זיי האַלטן אים אָבער ביידע צו) לאָזט אָפּ, לאָזט.. איך וויל נישט קויפן!....

ערשטער: דו הערסט, ער וויל נישט קויפן ביי דיר, — קויפן וויל ער נאָר ביי מיר.

צווייטער: ביי מיר, ציגיינער, זאָג אַז ביי מיר.

(בעת זיי רייסן זיך איבערן ציגיינער, שאַרט זיך מירעלע אַרויס.)

ציגיינער: לאָזט אָפּ, לאָזט אָפּ, וואָס ווילט איר, וואָס?

האצמאך: אַ דימענטל פון געשליפן גלאָז, אַ בלעכענעם הונט און אַ בלייענעם האָז... ס׳קאָסט נישט טייער, נאָר אַ גילדן מיט אַ דרייער.

צווייטער: אַ רינגל, וואָס איז געלעגן נעבן גאָלד, — צוויי גילדן, ס׳איז נישט טייער באַצאָלט.

ציגיינער: לאָזט אָפּ, לאָזט אָפּ! געוואַלד, געוואַלד!

האצמאך: תיכּף, ציגיינערל, תיכּף, באַלד....

צווייטער: ווייסט וואָס, האָצמאַך, לאָז אים גיין! זעסט דאָך, אַז ער וויל נישט קויפן, ניין.

האצמאך: זאָג צי דו קויפסט, זאָג — יאָ צי ניין?

ציגיינער: ניין! ניין! ניין!

צווייטער: (לאָזט אים אָפּ) טאָ וואָס זשע פאַררעדסטו אומזיסט די ציין?

האצמאך: (לאָזט אים אויך אָפּ) ניין, איז ניין. דו קענסט דיר גיין!

(דער ציגיינער קוקט זיך אום אין אַלע זייטן, זוכט מירעלען מיט די אויגן.)

2-ר האצ.: כ׳האָב דיר צוליב געטאָן, האָצמאַך. האָסט מיך געבעטן, כ׳זאָל דיך העלפן פאַרטשעפּען דעם ציגיינער. איצט זאָג מיר, צוליב וואָס האָסטו עס באַדאַרפט?

האצמאך: וועסט שוין געוואָר ווערן שפּעטער. איצט, האָצמאַך, נעם די פיס אויף די פּלייצעס און ציִ, כל זמן ס׳איז נאָך פרי....

צווייטער: ווער? וואָס? ווי?

ציגיינער: (גייט נאָך אַלץ אַרום איבערן קאַפע־הויז, זוכט, ער איז צעטומלט. מיט אַמאָל גיט ער אַ געשריי) ווו איז דאָס מיידל? ווו אַהין איז זי אַוועק? גיט מיר אָפּ דאָס מיידל!

(אַ טויל עולם לויפט צו אים צו, די קעלנערס כאַפּן אים אָן ביים קאָלנער.)

קעלנער: וואָס שרייסטו, ציגיינער? שרעקסט איבער די געסט....צי אָפּ פון דאַנען, ווייל אַז נישט.. — דו זעסט.. (זיי דראָען אים מיט די קאָכלעפל.)

ציגיינער: מיין מיידל ווו איז? (יאָמערט) אַוועק....אַוועק....

קעלנער: האָסט זי געקענט בעסער היטן, פאַרשטייסט?

2-ר קעל.: און איצט — געגאַנגען, אַז מען הייסט!

3-ר קעל.: וואָס שטייסטו, די אויגעלעך פאַרגלייזט? (אַלע דריי שטופּן דעם יאָמערנדיקן ציגיינער אַרויס פון קאַפע־הויז.)

האַצמאַך: (וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט געשושקעט מיטן צווייטן) איצט האָסטו פאַרשטאַנען, פערדישער קאָפּ?

צווייטער: פאַרשטאַנען... פאַרשטאַנען.... און איצט זיי געזונט און טראָג זיך אָפּ פון דאַנען. (ער גייט אַוועק. דער צווייטער שטייט אַ ווײַלע צעטראָגן, כאַפּט זײַן קעסטל און לויפט אויך אַרויס.)

געסט: (זינגען) קעלנערס, וואָס שטייט איר ווי גולמס, —
דערלאַנגט שוין די קאַווע אַהער!

קעלנערס: (פאַרשלאָפן ביים בופעט)
וואַרטס נאָר אַ ווײַלע, מיר האָבן
דערווייל צוויי פּיס און נישט מער.

א גאַסט: ווער פון די קעלנער ס'ברענגט מיר
אַ צייטונג אַהער צו מיין טיש א. א.וו.
(אַלע קעלנערס כאַפּן צייטונגען און ברענגען.)

2 גאַסט: ווער פון די קעלנערס ס'ברענגט מיר
אַ קאַווע געשווינד צו מיין טיש א.א.וו.
(אַלע קעלנערס לויפן.)

אַלע געסט: קעלנערס, וואָס שטייט איר ווי גולמס א.א.וו.

קעלנערס: וואַרטס נאָר אַ ווײַלע, מיר האָבן
דערווײַלע צוויי פּיס און נישט מער.
(בעת זיי זינגען, פאַלט דער פאָרהאַנג.)

דריט ביל ד

(דער אייגענער וועג, וואָס אין ערשטן בילד. האַצמאַך קומט אָן מיט מירעלען.)

מירעלע: ס'איז נאָך ווייט, האַצמאַך? איך בין שוין אַזוי מיד.

האצמאך: ס'איז שוין גאָר נישט ווייט, מירעלע. דו זעסט דאָרטן דעם רויטן קוימען מיטן גרינעם רויך? דאָס איז די בלאָע קרעטשמע. דאָרט וועלן מיר זיך אָפּרוען, איבערנעכטיקן און מאָרגן אינדערפרי וועלן מיר זיך לאָזן אין וועג אריין. פון דער בלאָער קרעטשמע האָבן מיר נאָך זיבן מייל אהיים.

מירעלע: אהיים, זאָגסטו, האצמאך? ווו האָב איך שוין אַ היים, אַז דער טאַטע איז פאַרפאַלן געוואָרן און מען הערט פון אים גאָרנישט. און די שטיפמאַמע....די שטיפמאַמע....

האצמאך: כ'האָב דיר אינגאַנצן פאַרגעסן צו דערציילן....(גיט זיך אַ קלאַפּ אין שטערן.)

מירעלע: וואָס האָסטו מיר פאַרגעסן צו דערציילן?

האצמאך: כ'האָב דיר פאַרגעסן צו דערציילן, אַז דיין....אַז דיין....

מירעלע: (געשפּאַנט) נו, רעד שוין, דערצייל שוין, האצמאך!

האצמאך: אַז דיין שטיפמאַמע איז שוין נישטאָ.

מירעלע: וואָס הייסט זי איז נישטאָ? ווו איז זי אהינגעקומען?

האצמאך: וואָס פאַרשטייסטו נישט, נאַרעלע? אַז מען זאָגט נישטאָ, הייסט עס, אַז זי איז נישטאָ..זי האָט זיך געזעגנט מיט דער וועלט, איר געזאָגט: „פּאַ, פּאַ, דו וועלט, אַדיע, דו וועלט!"....

מירעלע: ווען איז דאָס געשען, האצמאך? דערצייל....צי מיר נישט אַרויס די נשמה.

האצמאך: ס'איז געשען דעם דריטן טאָג חנוכה, פּונקט, ווען מ'האָט אָנגעצונדן דאָס עלפטע ליכטל....זי האָט זיך צו שטאַרק איבערגענומען, דיין שטיפמאַמע. חרטה געהאַט, וואָס זי האָט געלאָזט, אַז די באָבע יאַכנע זאָל דיך פאַרנאַרן....

מירעלע: נו, און זי, די באָבע יאַכנע, ווו איז? זי לעבט נאָך?

האצמאך: צי די באָבע יאַכנע לעבט, פרעגסטו? — נאָך אַ מין לעבן! די אַלטע מכשפה קלויבט זיך ערשט צו לעבן און לעבן....

מירעלע: כ'האָב מורא, האצמאך, כ'האָב מורא פאַר דער באָבע יאַכנע.

האצמאך: אַז האצמאך איז דאָ, האָסטו נישט וואָס מורא צו האָבן, קעצעלע. די כישוף־מאַכערין איז טאַקע אויף דיר אין כעס דערפאַר, וואָס דו לערנסט אויס די גאַנצע וועלט דעם כישוף־ניגון. זי האָט שטאַרק מורא, אַז די

גאַנצע וועלט וועט קענען דעם כּישוף־ניגון, וועט חלילה קומען משיח אָבער דו האָב נישט קיין מורא, קעצעלע, — האַצמאַך וועט דיך באַשיצן.

(ער צענעמט די פּאַלעס פונעם קאַפּטן, ווי ער וואָלט זי געוואָלט באַשיצן.)

מירעלע: קום, האַצמאַך. ס'טונקלט שוין. לאָמיר גיין צו דער בלאָער קרעטשמע.

האַצמאַך: ביסט גערעכט, קעצעלע. דער הימל כמאַרעט זיך טאַקע. באַלד וועט זיין אַ שטורעם. לאָמיר גיין!!!

(זיי גייען ביידע אַוועק. די בינע בלייבט אַ רגע פּוסט. ס'הויבט אָן בלאָזן אַ קאַלטער ווינט. דער שטורעם צעשפּילט זיך איבער דער ליידיקער בינע. די מוזיק האַלט אים אונטער.)

פערט ביִלד

(אַ שענק. ביי טישלעך זיצן פאַרשידענע מענטשן, טרינקען וויין און זינגען רעכטס ביי אַ טישל, זיצן דער צווייטער און דער דריטער האַצמאַך. זיי שמועסן צווישן זיך שטילערהייט, מאַכן מיט די הענט, שפּרינגען אַלע מאָל אונטער. לינקס ביי אַ טישל, זיצט די באָבע יאַכנע, זי צעלייגט קאָרטן אויפן טיש, קוקט אויף זיי, שאָקלט מיטן קאָפּ. עטלעכע מאָל אַזוי. אליקום, אַלס שענקער, לויפט פון טיש צו טישל, נעמט אָן באַשטעלונגען.)

עולם: (זינגט)

היידאַ, שענקער, היידאַ, שענקער, —
גיס אונז אָן אַ בעכער וויין!
אַ גאַנצן טאָג געזאָרגט, געדאַגעט,
ווילן מיר איצטער פריילעך זיין!
פריילעך, פריילעך,
טאַקע פריילעך —
ביזן ווייסן טאָג אַריין!

שענקער: (אליקום, זינגט)

געשריבן שטייט אין ספר פּראַלניק,
אַז מען דאַרף געדולדיק זיין....
תיכּף וועט מען אייך דערלאַנגען,
מען איז שוין אַראָפּגעגאַנגען
עפּענען אַ פעסל וויין.

עולם:

לאָמיר זינגען, לאָמיר טרינקען,
ביזן ווייסן טאָג אַריין!
ביז אין ווייסן,
ביז אין ווייסן,
ווייסן, ווייסן טאָג אַריין!

דריטער

האצמאך: (צום צווייטן) והייסט עס אזוי, האָצמאך, האָסט זיך מיט אים באַגעגנט אין סטאַמבול.... די מעשה מיטן ציגיינער איז טשעקאַווע. וואָס אַ שטייגער האָט ער דערמיט געמיינט?.. — אסור, צי איך ווייס.. איך ווייס נאָר, אַז עפּעס איז דאָ נישט גלאַטיק. דער ציגיינער האָט גע־וואָיעט ווי אַ וואָלף: „מיין טאָכטער, מיין מיידל!"

באבע

יאַכנע: (ביי איר טיש) מלך טרעף — מלכה קרייץ, זיבעלע פּיק..שלעכט.. שלעכט..לאָמיך פּרווון נאָכאַמאָל. (זי צעמישט די קאָרטן און נעמט ווידער אויפלייגן.)

3־ר האצ.: און דו, דו האָסט תיכף גענומען די פיס אויף די פּלייצעס און ביסט אוועק אהיים?

צווייטער: פאַרשטייסטו מיך, האָצמאך, כ'האָב תיכף פאַרשטאַנען, אַז צווישן האָצמאַכן און דעם ציגיינערס מיידל, וואָס איז אַנטלאָפן, איז פאַראַן עפּעס אַ שייכות. האָב איך גענומען די רויטע יאַרמולקע און געזאָגט צו צו די טערקן: „נאָט אייך צוריק די מציאה" — און בין אוועק.... עלעהיי איך בין קיינמאָל נישט געווען קיין טערק....

דריטער: נו, נו.. און דו אַ שטייגער, מיינסטו, ווו קען ער זיין, איך מיין אָט דער האָצמאַך?....

צווייטער: דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז ער איז אוועק אַהיים. טאַקע דערפאַר בין איך געלאָפן אויף צו פריער. וואָס זאָג איך, געלאָפן.. — געפלויגן, געפלויגן, ווי דו זעסט מיך אַ לעבעדיקן! (ער ווייזט, ווי אַזוי ער איז געפלויגן.)

באבע י.: (ביי איר טישל) מלך טרעף — מלכה קרייץ און זיבעלע פּיק — נאָכאַמאָל דאָס אייגענע..איי, שלעכט..איי, שלעכט..(זי רופט) שענקער, זיי אַזוי גוט און קום אַהער.

שענקער: (לויפט צו) אָט בין איך דאָ, באָבע יאַכנע! אליקום הייס איך....

באבע י.: אליקום, ס'איז שלעכט. האָצמאַך האָט אויסגעפונען מירעלען, זיי זענען אויפן וועג אַהערצוצו....

אליקום: וואָס רעדט איר, באָבע יאַכנע? ס'איז נישט מעגלעך....

באבע י.: אָט קוק גולם די קאָרטן.. די קאָרטן זאָגן עס. דו זעסט — מלך טרעף, מלכה קרייץ, זיבעלע פּיק.

א גאסט: (רופט) שענקער, שענקער, דערלאַנג אַ ליטער וויין פונעם רויטן!

באבע י.: איין האפענונג איז דא..זיי זאלן זיך נישט טרעפן מיטן טאטן אירן.

שענקער: תיכף, תיכף. (צו דער באבע) וואס זשע וועט זיין, באבע יאכנע?....

באבע י.: פארלאז זיך אויף דער באבע יאכנע, דו פארשטייסט? צונעמען דעם ניגון ביי מירעלען קען איך שוין נישט, אבער אפשוואכן דעם ניגון — — דאס קען איך יא. פריער האט דער ניגון געהאט דעם כוח, גליקלעך צו מאכן יעדן איינעם, וואס האט אים געקענט זינגען. איצט קען ער נאר, אויב מירעלע וועט זיך ווידער באגעגענען מיטן טאטן, — גליקלעך מאכן זייביידע....פארשטייסט! (צעלאכט זיך) און האצמאך וועט (צעלאכט זיך) און האצמאך וועט אויך שטיין בלייבן מיט א לאנגער נאז...

גאסט: שענקער, דו דערלאנגסט, צי דו דערלאנגסט נישט?

אליקום: אט....אט....שוין. (ער לויפט צו צו יענעמס טישל.)

באבע י.: (ווארפט נאכאמאל די קארטן) איצט, קארטן, ווייזט מיר, צי מירעלע וועט זיך טרעפן מיטן טאטן אירן.

3-ר האצ.: (וואס האט די גאנצע צייט שטיל געשמועסט מיטן צווייטן) אוווא, אוווא! אזוי, אזוי....טאקע....וואס איך הער....כ'וואלט, כ'לעבן געגאנגען אים זוכן. איז אבער אזא שטורעם, אז ס'איז אן עבירה ארויסצולאזן א הונט אין דרויסן....

צווייטער: מילא, פארפאלן. לאמיר שוין זיצן דא, ביז דער שטורעם וועט זיך לייגן.

בעל-עגלה: (קומט אריין מיט דער בייטש אין האנט, זינגט.)

אט א וועטער, א כאליערע,
א רעגן מיט א ווינט,
אבי געלאזט זיך אין די וועגן....
הא? ווו? וואס? — וועט איר מיך פרעגן, —
פרעגט זשע, פרעגט געשווינד.
וועל איך, קינדערלעך, אייך זאגן,
כ'האב געשפאנט דאס פערד צום וואגן,,
ווייל איך דארף, ווי זאל איך זאגן, —
ברויט פאר ווייב און קינד....

העי, שענקער, דערלאנגט עפעס צו דערווארעמען זיך! אט א שנעפסעלע, פארשטייסט....און עפעס צו פארבייסן.

שענקער: זעצט אייך....כ'וועל שוין אלץ דערלאנגען.

(דער בעל-עגלה זעצט זיך אנידער ביי א טישל. מען דערלאנגט אים א שנאפס. ער טרינקט.)

הצאמאך: (קומט אַריין מיט מירעלען) קום, קום, מירעלע. דאָ וועלן מיר זיך דער־וואַרעמען. אַזאַ שטורעם. פון זינט איך בין האַצמאַך, האָב איך נאָך נישט געזען אַזאַ שטורעם....

מירעלע: גוט, וואָס מיר זענען שוין דאָ, האַצמאַך. איך האָב געמיינט, אַז איך וועל אומקומען אין אָטאָ דעם שטורעם.

האצמאך: נו, שוין, שוין. אַבי מיר זענען איבערגעקומען. לאָמיר זיך זעצן ביי אַ טישל און באַשטעלן עפּעס צו עסן.

מירעלע: ווייסט וואָס איך טראַכט, האַצמאַך? איך טראַכט, אַז דעם שטורעם האָט אויף אונז אָנגעשיקט די באָבע יאַכנע. קום זענען מיר אַריבער די שוועל, איז תיכּף שטיל געוואָרן אין דרויסן. (זיי זעצן זיך ביי אַ טישל. אליקום דערלאַנגט זיי עסן. זיי עסן און זעען קיינעם נישט.)

באבע י.: (צו זיך אַליין) אָט זענען זיי דאָ, די פייגל. פאַרפאַלן. איך וועל נאָך פּרוּוון איין מיטל. די קאָרטן האָבן מיר געזאָגט, אַז דער פאָטער, דער אַלטער ר' אוראַמציע, גייט אַהער. איך וועל מאַכן אַ שטאַרקערן שטורעם, אפשר וועט ער פאַרבלאָנדזשען און נישט טרעפן אַהערצוצו..

2־ר האצ.: אָט, אָט, זענען זיי, דו זעעסט — אָט דאָרט, ביי יענעם טישל.

דריטער: טאַקע, טאַקע, אָט זיצט ער, דער פויגל.... און ווער איז דאָס מיידל, ווער? עפּעס קענטלעך. (קוקט זיך צו שאַרף) עפּעס קענטלעך.... קענטלעך....

צווייטער: (קוקט זיך אויך צו) דאָס מיידל, האַצמאַך, דאָס איז דאָך זי, דעם ציגיינערס טאָכטער....

דריטער: וואָס פאַר אַ ציגיינער? וואָס פאַר אַ טאָכטער? טפו! זאָלסטו ווערן! ס'איז דאָך זי, מירעלע! כ'האָב זי אָבער תיכּף דערקענט....האַצמאַך, ווו זענען דיינע אויגן, ווו?

צווייטער: כ'האָב אָבער תיכּף געטראַכט, אַז ס'איז מירעלע. נאָר אַז כ'האָב זיך געפרעגט, ווי קומט מירעלע צו אַ ציגיינער, האָב איך באַשלאָסן, אַז דאָס מיידל איז ענלעך צו מירעלען, אָבער ס'איז נישט מירעלע. זי איז דעם ציגיינערס טאָכטער, ווי זשע קען זי זיין מירעלע?

באבע י.: (מורמלט אַ שפּרוך.)

שטורעם, שטורעם, ווילדער שטורעם,
וואָס האָסטו זיך פאַרקראָכן?
קום אַרויס פון אַלע כמאַרעס,

קום אַרויס פון אַלע שפּאַרעס, —
תּיכּף, תּיכּף, זאַרעז, זאַרעז!
ברעך די ליפּעס, ברעך די דעמבּעס, —
אַלץ זאָל זיין צעבּראָכן!

(דער שטורעם אין דרויסן הויבּט אָן מיט אַ ווילדער קראַפט. די בּאָבּע יאַכנע הערט זיך איין פאַרטראַכט.)

מירעלע: האַצמאַך, דו הערסט?

האַצמאַך: איך הער, איך הער, מירעלע. נאָר זאָל ער זיך פּייפן געזונטערהייט, אַבּי מיר זיצן אונטער אַ דאַך.

2־ר האַצ.: הא, וואָס זאָגסטו, האַצמאַך, אפשר צוגיין צו אים און אים זאָגן: „פּעטער, מען קען אייך"?

דריטער: לאָז אים דערווייל אָפּאָטעמען. אַז דו וועסט צו אים צוקומען אומגע־ריכט, קען ער זיך דערשרעקן און אַ ביינדל פונעם הערינג זאָל אים בלייבּן שטעקן אין האַלז....

האַצמאַך: (צו מירעלען) מירעלע, ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן, כ'האָב שוין ווידער אַמאָל פאַרגעסן דעם ניגון....

מירעלע: וויפל מאָל איך האָב דיר אים שוין געזונגען און דו גערענקסט נאָך אַלץ נישט.

בּאָבּע י.: (ביי איר טישל) דער שטורעם וואַרפט אים אַלץ צוריק און ער, דער בעטלער, ראַנגלט זיך און וויל אַלץ קומען אַהער. כאַ, כאַ, כאַ! אָט האָט אים דער שטורעם אומגעוואָרפן.

דריטער: (צום צווייטן האַצמאַך) איך קלער און קלער און קען גאָרנישט פאַרשטיין... פאַרשטייסט, האַצמאַך? כ'קען גאָרנישט פאַרשטיין....

צווייטער: און איך, פאַרשטייסטו מיר, פאַרשטיי אויך גאָרנישט.

בּאָבּע י.: (אָנגעשטרענגט) איצט האָט ער זיך אויפגעהויבּן. ער לאָזט זיך ווייטער גיין, ראַנגלט זיך מיט אַלע כּוחות, דער אַלטער אוואַמציע. ער וויל, הייסט עס, נאָר אַהערצוצו....

מירעלע: (צו האַצמאַכן) אַז מיר וועלן אַהיימקומען, וועל איך דיר אויסלערנען דעם ניגון. דו מוזט אים קענען, האַצמאַך, דו האָסט עס פאַרדינט.

בּאָבּע י.: (ביי אַ טישל, שמייכלט) ער מוז אים קענען....ווי דען....און אַז ער וועט אים קענען, וואָס וועט זיין? — דער ניגון וועט אים גאָרנישט

העלפן, נישט אים און נישט קיין שום אנדער מענטש....דער ניגון קען נאר גליקלעך מאכן אווראמציען און זיין טאכטער מירעלע. און דאס איז אויך א שאד....

מירעלע: (דערשראקן) האצמאך, דו האסט געהערט?

האצמאך: וואס, מירעלע?

מירעלע: דאס קול פון דער באבע יאכנע!

האצמאך: גיי שוין גיי, נאר די באבע יאכנע ליגט דיר אין זינען. זאל זי....

באבע י.: (ביי איר טישל) ער גייט..ער גייט..נענטער, נענטער..דער שטורעם לאזט אים נישט..אבער ער ראנגלט זיך און גייט..לאז אים נישט, שטורעם, פארהאלט אים! פארהאלט אים! ער איז שוין א פאר טריט פון דער קרעטשמע. דער בעטלער.... (דער שטורעם ווערט נאך שטארקער.)

2-ר האצ.: לאמיר צו אים צוגיין, לאמיך, לאמיך אים פרעגן ווער, וואס און ווען.. לאמיך....

דריטער: קוק זיך בעסער צו, האצמאך, צו דער באבע יאכנע, דארט ביים טישל. דו זעסט, ווי זי איז בלייך, ווי זי גלאצט מיט די אויגן....שעפטשעט מיט די ליפן..זיץ, האצמאך..עפעס וועט דא געשען.. ריר זיך נישט פון ארט..דו הערסט? איך ווארן דיך, ווי א גוטער ברודער.

צווייטער: (דערשראקן) אפשר כישופט זי, די באבע יאכנע..אפשר מיינט זי דאס מיך, אפשר דיך? האצמאך, הער דיך צו, וואס זאגט זי דארטן.

(זיי הארכן אנגעשטרענגט.)

באבע י.: (ציטערט מיטן גאנצן קערפער) וואס איז מיט דיר, שטורעם מיינער, אדלערל מיינס? האסט נישט קיין כוח אנטקעגן אן אלטן בעטלער.... זעסט, ווי ער קומט אלץ נענטער און נענטער צו דער קרעטשמע..און דו לאזט אים, דו לאזט אים, כאטש איך וויל נישט.. כאטש איך וויל נישט....דו הערסט, וואס מען זאגט צו דיר? (גיט הויך א געשריי) איך וויל נישט!!! (זי שטעלט זיך אויף. אלע אנגעווזנדיקע קוקן אויף איר. האצמאך און מירעלע דערקענען זי. מירעלע טוליעט זיך דערשראקן צו האצמאכן. דער צווייטער און דריטער האצמאך באהאלטן זיך אונטערן טיש. אליקום גיט א שפרונג צו צו דער באבע יאכנע.)

אליקום: וואס איז, באבע יאכנע?

(אין דער רגע עפנט זיך די טיר. רב אווראמציע קומט אריין א פארעגנטער, קוים וואס ער האלט זיך אויף די פיס.)

אווראַמציע: (אָטעמט אָפּ) קוים אַרויס מיטן לעבן....דער שטורעם האָט נישט געלאָזט, נאָר ס'האָט מיך געצויגן אַהער....

באַבע י.: (פֿאַלט אַוועק אויף איר בענקל) פאַרפאַלן, אליקום.... פאַרפאַלן....

אווראַמציע: אַ גאַנצן טאָג אין מיין מויל נישט געהאַט..כ'וועל זינגען מיין ניגון, אפשר וועלן מיר די מענטשן עפּעס געבן.

(ער הויבט אָן זינגען דעם כישוף־ניגון. אַלע הערן זיך צו. מירעלע ווערט בלייך.)

האַצמאַך: וואָס איז מיט דיר, מירעלע?

מירעלע: האַצמאַך, דו הערסט?....דער בעטלער זינגט מיין ניגון....דעם כישוף־ניגון....(זי הויבט אָן מיטצוזינגען. זינגענדיק גייט זי צו צום בעטלער, זיי קוקן זיך ביידע אָן, דערקענען זיך.)

אווראַמציע: מירעלע!

מירעלע: טאַטעשי!

(זיי זינגען ביידע דעם ניגון, פון טישל צו טישל האַלט מען אונטער. דער גאַנצער שענק זינגט אים, אַלץ שטאַרקער, שטאַרקער, דערנאָך שטילער.)

באַבע י.: (הויבט זיך אויף פונעם טיש) אליקום, קום. מיר האָבן מער נישט וואָס צו טון אַטאָ דאָ.

אליקום: (וואַרפט אַראָפּ דעם שענקער־קאָסטיום, בלייבט שטיין ווי אַ שד. אַלע דריי האַצמאַכס פאַרקריכן אונטער די טישן און ציטערן.) איך הער, באַבע יאַכנע, און פיר אוים דיין באַפעל. אליקום היים איך, אַלצדינג ווייס איך.

באַבע י.: (צו אַוראַמציען) דיין שטראָף ביסטו אָפּגעקומען, אווראַמציע. דו האָסט געפונען מירעלען און זי דיך. פאַרפאַלן! איך גיי אַוועק פון דאַנען, ווייט, ווייט, וווּ קיין מענטשלעכער פוס איז נאָך נישט געגאַנגען. דער כישוף־ניגון איז דיינער און מירעלעס....פאַרפאַלן! דער כישוף־ניגון איז דיין מזל און מירעלעס מזל, אָבער נישט האַצמאַכס. און קיין שום האַצמאַך אין דער וועלט וועט פון אים גאָרנישט האָבן. פאַר די האַצמאַכס איז פאַראַן אַן אַנדער ניגון. זאָלן זיי אים געפינען, וועלן זיי גליקלעך ווערן.. קום, אליקום! (זי כאַפּט זיך אַרויף אויף אליקום'ס פּלייצעס און זיי פאַרשווינדן.)

האַצמאַך: (צו די אַנדערע האַצמאַכס) איר האָט געהערט, האַצמאַכס? פאַר אונז איז פאַראַן אַן אַנדער ניגון....מען דאַרף אים זוכן....מען דאַרף אים געפינען....

צווייטער: מיר וועלן אים זוכן!

דריטער: מיר וועלן אים געפינען!

אלע: און ווערן גליקלעך!

(אווראַמציע און מירעלע זינגען דעם כּישוף־ניגון. אַלע זינגען אים מיט. אַלצדינג טאַנצט דערבײַ: די גלעזער אויפן טיש, דער לאָמפּ אויף דער סטעליע.)

פינפט ביל״ד

(די צוויי מיידלעך פאַרן שפּיגל.)

חנהלע: מירעלע, האָסט אַלץ פאַרשטאַנען?

מירעלע: יאָ, די באָבע יאַכנע איז אַוועק פון דאַנען, ערגעץ, ערגעץ ווייט.

חנהלע: די האַצמאַכס, אַט די אָרעמע לייט, זוכן נאָך אַלץ דעם כּישוף־ניגון, וואָס זאָל זיי באַפרייען פון האַנדל, וואַנדל, שווינדל, ליגן.

מירעלע: און זיי וועלן אים געפינען מיט דער צייט?

חנהלע: פאַרשטייט זיך, דער ניגון איז שוין גרייט.

מירעלע: איך, חנהלע, וואָלט געוואָלט זען די פרייד פון האַצמאַכן, ווען ער וועט געפינען זיין כּישוף־ניגון....

חנהלע: די טעכטער זיינע וועלן זיך מער נישט קריגן, זיי וועלן זיך פרייען און גליקלעך זיין, ביז אין זייער שפּעטער עלטער אריין.

מירעלע: אוי, וועט דאָס זיין אַ שיינע צייט!

חנהלע: נישט קיין גבירים, נישט קיין אָרעמע לייט!

מירעלע: טשעקאַווע, וואָס די טעכטער האָבן געזאָגט, אַז האַצמאַך איז אהיים געקומען מיט ליידיקע הענט.

חנהלע: געזאָגט, זאָגסטו, האָבן זיי, — גיי שוין, גיי. זיי האָבן געשריגן, געוויינט: „טאַטע, שיך“, „טאַטע, אַ קלייד!“, „טאַטע, אַ חתן!“.

מירעלע: נו, און רב אווראַמציע האָט האַצמאַכן גאָרנישט געגעבן פאַר זיין גרויסער מי?

חנהלע: ער האָט אים געגעבן עטוואָס געלט, ער זאָל זיך איינהאַנדלען אביסל סחורה, כדי ער זאָל האָבן וואָס צו פאַרקויפן און נישט דאַרפן אַפּנאַרן ווי ביז איצט.

מירעלע: פאַרוואָס האָט ער אים נישט געגעבן מער געלט? ער האָט עס דאָך פאַרדינט, האַצמאַך!

חנהלע: רב אַווראַמציע איז צוריק געקומען אַן אָרימאַן. דער כישוף־ניגון האָט שוין מער נישט דעם כוח צו פאַרשאַפן געלט, ער האָט נאָר דעם כוח צו מאַכן צופרידן און פריילעך.

מירעלע: ווי אַזוי גייט עס דער כישוף־ניגון, חנהלע?....קוק אָן, כ׳האָב אים אינגאַנצן פאַרגעסן.

חנהלע: פאַרגעסן, זאָגסטו....און איך....און מיר איז ער אויך אַרויס פון זכרון.... (זיי ווילן זיך דערמאָנען, קענען נישט. ווענדן זיך צום פובליקום אין זאַל) אפשר געדענקט איר דעם כישוף־ניגון?

(פונעם זאַל הויבט אָן צו זינגען אַ קול, אַלע העלפן אים אונטער. ווען מ׳זינגט אויף דער בינע און אין זאַל — פאַלט דער פאָרהאַנג.)

סוף